— אַ מזל, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר זעלדע, זיין ווייב? אַ גאַנצן זומער פאַרשמירט און פאַרשמאַיעט. די הענט פאַרשוואַרצט פון אייזנס. מיט הענטשקעס אָן פינ־גער. ס׳פנים פאַרזויערט. אייביק קלאָגט זי זיך אויף עפּעס, קוקט אויף איר אויסגעפוצטן מאַן מיט קינאה און ביטול. פאַרטראָגט נישט זיין שמייכל, זיין שיינעם און אָפענעם פנים...

די צעיאָכמערטע ווייבער, האָט איר זיך תמיד געדוכט, האָבן זיך אַריינגעכאַפּט מיט אַן אויסרייד אין קראָם, פרעגן עפּעס, און ווען זיי האָבן דערזען זעלדן אין קראָם, פלעגן זיי זיך אומקוקן און זאָגן: „ב׳זויס נישט, צו איר ווייסט וואָס איך מיין״ כ׳וועל שוין אַריינגייען ווען איקער מאַן וועט זיין אין קראָם... אַנזען האָט זי זיי נישט געקענט די חצופות.

ווייטער איז אויף זעלדן נישט געווען א קוק צו טאָן, אַרומגעוויקלט ביזן נאָז, איז זי שטענדיק געזעסן אויף אַ פייער טאָפּ, און ווען קיינער איז אין קראָם נישט געווען — האַלב געדרימלט. די הענט פאַרלייגט אונטער ביידע אָרעמס. ס׳איז שווער געווען צו וויסן ווי אַלט די פרוי איז.

ווער קאָן וויסן, וואָס עס האָט צוזאַמענגעהאַלטן אַזאַ פּאָר? ווייבער האָבן זיך געקליגט, געוואָלט דערגיין סודות. ווען מיכלע, אַ נאָענטע שכנה, וועלכע האָט געוווינט לעבן משה יאָסיס הויז, האָט געגעבן אַ הויכן קליגעריישן לאַך, און געזאָגט: האָט איר שוין ווייבער געזען זעלדען אויס־געטאָנענערהייט? האָבן אַלע געעפנט די מיילער און אויפ־געריסן די אויגן, גרייט צו הערן עפּעס אויסטערלישעס. אפשר איז זי אַ מאַלפּע? אַ שוויס האָט די ווייבער באַ־שלאָגן, איידער זיי האָבן דערלעבט צו הערן עפּעס אַזוינס ס׳זאָל קלעקן אויף יאָרן זיך צו וואונדערן...

אָבער מיכלע האָט זיך נישט געאיילט מיט דער גע־היימעניש. אַדרבא, זי האָט ביי די ווייבער געצויגן די עצמות. ביי די ווייבער אין די מוחות, איז באַשאַפן געוואָרן אַ פינצטערע פאַרזעעניש, אַזש אַ שוידער איז אַריבער איבער זייערע לייבער... מיכלע, דערזעענדיק דעם חורבן וואָס זי האָט דאָ אָנגעמאַכט מיט איר זאָג, האָט געגעבן אַ געשריי: „זי איז א— שיינהייט!...

די ווייבער האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, געגעבן אַ אַנטוישטן שמייכל, ווי זיי וואָלטן עפּעס פאַרלאָרן. נאָר איין פראַגע איז ביי זיי סיי ווי געבליבן: פאַרוואָס איז משה יאָסי אַזוי להויט נאָך ווייבערשע שמייכלען. און האָט אַזוי הנאה צו פאַרבריינגען מיטן ווייבערשן מין? און אַלע ווי איינע האָבן באַשלאָסן, אַז מסתמא איז ער א געשגענער...

דאַרף זיך מאַכן א מעשה, אַז פון דער גרויסער שטאָט איז אַראָפּגעקומען א גויאישער קראָמען אינספּעקטאָר, מיט אַ לעדערנער טעקע, מיט אַ פּאָר פענסנע און אַ גזלניש פנים, קענטיק אַ פרישער, אומבאַקאַנט אין שטעטל. ער האָט צונויפגערופן אַלע קרעמער אין דער שטעטלשער באַנק, געהאַלטן אַ לאַנגע נודנע רעדע, ביז וואָנעט מ׳איז דערגאַנגען וואָס ער וויל: ערשטנס, נישט עפענען די קרעמלעך זונטיק פאַר צוועלף אַזייגער. די שפייז אין די קראָמען זאָל זיין פאַרדעקט מיט מאַרלע, פליגן זאָלן נישט אַרומקריכן איבערן פלייש. הינט זאָלן זיך נישט אַרומ־דרייען אַרום די יאַטקעס; נישט גיסן פאַמוניצעס פאַרן טיר, און נאָך ענלעכע נאַרישקייטן... דאָס אָפּצוהיטן האָט דער נייער אינספּעקטאָר אויסגעקליבן א קאָמיסיע פון דריי: יאַנקע, ר׳ נאָטע און משה יאָסי, ווען דער אינספּעק־טאָר האָט פאַרלאָזן די באַנק און ייִדן האָבן פרייער אָפּגע־אָטעמט, האָט ר׳ נאָטע דער קרעמער זיך געגעבן אַ קראַץ דאָס צעשויבערטע מערדל, אויפגעהויבן די קורצזיכטיקע אויגן און געפרעגט מיט לצנות און וווּנדער: פון וואַנעט האָט דער פרעמדער און גויאישער אינספּעקטאָר, גע־ווּסט, אַז אונדזער שטעטל פאַרמאָגט נאָר דריי משו־געים?!...

לאה זילבער

# דריי זענען זיי געווען...

**(אַ מעשה פון שטעטל)**

ר׳ נאַטע דער שניט קרעמער, משה יאָסי דער שיינער און יאַנקל דער משוגענער. מיינט איר דאָך אַוודאי, אַז ער איז באמת געווען משוגע? איז לאו דוקא, ער האָט נאָר געוואָלט יענעם משוגע מאַכן. ער איז געווען א ייד אַ ברען, הויך שטאַרק און רייך. שטעטל האָט פאַר אים געציטערט, כל זמן יאַנקל האָט נישט חתונה געהאַט, איז געווען אַ האַלבע צרה, נאָר ער האָט חתונה געהאַט, שוין זיצענדיק ביי די פערציק, מיט אַ ווייב וועלכע האָט שוין געהאַט אַריבערגעשפּריזט דרייסיק, גערעדט רוסיש ווי אַ וואַסער... און געהאַט נאָכן יאָר א קינד, איז יאַנקל געוואָרן פאַרן שטעטל אומדערטרעגלעך. עס איז געווען שווער צו דערגיין פאַרוואָס ס׳האָט געשלאָגן פון אים אַזאַ בייזקייט אויף גאַנץ שטעטל — אָן אויסנאַם. ער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין קאַליע מאַכן שידוכים.

כל זמן יאַנקל איז געשטאַנען אין שידוכים, האָט שטעטל געהאַט אויף אים אַ ביטש; געדענק, יאַנקל טאָמער וועסטו אַריינשטעקן דיין צונג אין יענעמס שידוך, וועט זיין אַ בראָך צו דיינע יאָרן... יאַנקלען האָט געביסן די צונג, ער האָט ממש געחלשט צו מאַכן אַש פון חתן אָדער פון דער כלה. ער האָט זיך אָבער געמוזט איינהאַלטן מיט אַלע כוחות, ווייל ער אַליין איז דאָך געשטאַנען אין שידוכים. ווי נאָר שטעטלשע יידן האָבן דערשמעקט, אַז יאַנקל דאַרף זיך זען מיט א מיידל, איז אַלץ צוגעגרייט געוואָרן פיקס און פאַרטיק און פון דעם שידוך איז געוואָרן אויס ... מ׳האָט קיינמאָל נישט געוווּסט, וועמענס צונג עס האָט געשטעקט אין דעם, קיינער האָט אַפילו נישט געזוכט אויסצוגעפינען דעם מיסטעריעזן פאַרשוין. נאָר די הנאה ביי אַלעמען אין שטעטל איז געווען גרויס. ווייל שטעטל האָט געפילט בחוש, טאָמער וועט יאַנקלען זיך איינגעגעבן חתונה צו האָבן, איז שטעטל פאַרלאָרן מיט איירע חתנים און כלות. ס׳האָט אָפט פּאַסירט, אַז ס׳האָט שוין געהאַלטן אָט אָט, ס׳גייט דורך זיך גלאַטיק און פיין. ביידע געפעלן זיך. אָבער ביינאַכט אויפן געלעגער, האָט די מאַמע פון דער כלה נישט געקענט צומאַכן קיין אויג, געוועקט דעם מאַן אין מיטן רעכטן שלאָף. און כאָטש ער האָט געכראָפּעט איבער גאַנצן הויז, האָט זי אים הויך אויפן קול געפרעגט: חיים דו שלאָפסט!?... און חיים האָט זיך איבערגעוועקט מיט אַ פאַרדרוס אויף זיין ווייב, מיט אַ ברומען און אַ קרעכץ: נו, וואָס איז שוין ווידער!?... אוי, האָט געזיפצעט דאָס ווייב, עפּעס קען איך גאָרנישט צומאַכן קיין אויג, האָט זי זיך באַקלאָגט; ס׳איז אמת מיין מאַן, אַלץ איז גוט און וווויל, און גאָט זאָל געבן ס׳זאָל אַריבער מיט הצלחה, נאָר איך שעם זיך צו זאָגן. כ׳האָב מורא פאַר יאַנקלס צונג. מאַלע וואָס ס׳קען איינפאַלן אין זיין משוגענעם קאָפּ! און ביידע, דער טאַטע מיט דער מאַמען, האָבן שוין נישט געקענט איינשלאָפן.

די כלה האָט נישט געדאַרפט האָבן דעם מינדסטן חסרון, זי האָט נישט געדאַרפט זיין קאָסאָקע, נישט ציען מיט א פיסל, נישט האָבן קיין צו לאַנגן נאָז, און אַפילו נישט שטעפּעלאַזען מיט דער צונג... זי האָט געקענט זיין א מויד אַ שיינהייט, יונג, בליענד און געראָטן, נאָר, קומען אין נאַכט שפּעטלעך אַהיים, און באַגעגענען יאַנקלען אויפן וועג ... איז געווען גענוג..

יאַנקל האָט געהאַט פאַנטאַזיע און געקענט צוזאַמענשטעלן מעשיות נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, און ס׳האָט זיך פון זיין מויל געשאָטן פעך און שוועבל, און די כלה מיידל, איז באַשאָטן געוואָרן מיט שוואַרצן מאָך, אַז מ׳האָט איר, נישט פאַר קיינעם געדאַכט נישט אַרויסגעזען אַפילו, זי האָט שוין דאָן געמעגט פאַרגעסן אַז זי איז ווען נישט איז געוואָרן אַ כלה...

שטעטל האָט פאַר אים געציטערט ווי פאַר פייער, אַפילו גוים, וועלכע פלעגן זיך אָפּשטעלן מיט זייערע פאַדוואָדעס מיט פלאַקס און תבואה ביי זיין הויף, האָבן פאַר יאַנקלען געציטערט. די יידן אין שטעטל נישט האָבנדיק קיין געדולד צו רופן אים מיט די אַלע צונעמענישן, וועלכע ער האָט זיך געהאַט פאַרדינט, האָבן באַשלאָסן אַז דער פאַסיקסטער נאָמען וועט זיין יאַנקע דער משוגענער...

דער צווייטער איז געווען ר׳ נאַטע דער קרעמער. אַ ייד אַ קורצזיכטיקער מיט אַ לאַנגע נאָז, מיט א האַלב פאַרשאַרן בערדל, וועלכע איז ביי אים געוואַקסן נישט אין גרויס אָרדענונג. איין בינטל האָר איבער דאָס צווייטע, ס׳הייסט איין האַלבע בערדל האָט זיך געאיילט קיין מערב, און די צווייטע קיין מזרח, און יעדע פון די האָט עפּעס אויף זיך געטראָגן... מ׳האָט אַלע מאָל געוווּסט וואָס ר׳ נאַטע דער שניט קרעמער האָט געגעסן למשל איינערנעכטן ... א פּיצעלע איי, אַ שטיקעלע שאָלעכץ פון הערינג, אַ מאַנצעלע קאַרטאָפל, אַן אַנדערש מאָל אַפילו אַ גאַנצער לאָקש. און צוליב דעם וואָס ר׳ נאַטע דער שניט קרעמער איז נעבעך געווען זייער קורץ־זיכטיק, האָט ער זיך אַלע מאָל געוואונדערט ווען חברה לידיקגייער און פּאָליטיק ריידער, פלעגן אים געבן אַ זאָג: אַ יאָ ר׳ נאַטע! לאָמיר גיין אין געוועט אין א האַלבן ליטער, אַז איך וועל אייך זאָגן, וואָס איר האָט געגעסן איינער־נעכטן ... ר׳ נאַטע פלעגט געבן אַ בליק מיט אַ לצנות פייער אין זיינע קורצזיכטיקע אויגן, געבן אַ שמייכל, און זאָגן מיט אַ זיכערן טאָן: ווי אַזוי קומט איר צו וויסן וואָס איך האָב געגעסן איינער־נעכטן, ווען איך אַליין געדענקט נישט וואָס

יעקב ראָזענבערג

# דריי לידער

## פאַרפאַלק

שוין אַלע ווערטער אויסגערעדט,
איצט זיצן בײדע שטום,
ס׳פלאַפלט נאָר דער וואַנט־זייגער,
די אומרו דאַוונט פרום,

שוין אַלע ווערטער אויסגערעדט,
אין צימער הויל און שטיל,
אינדרויסן צו דער טויבער נאַכט,
זינגט אויס איר האַרץ אַ גריל,

מיט שרעק און צער זי קוקט אויף אים,
וואָס טראַכט ער נאָר און טראַכט,
פאַרביי דער שויב לבנה שווימט,
אויף שוואַרצן ים פון נאַכט...

מיט רחמים פרעגט איר שטומער אויג,
ער ענטפערט: ווייס איך, עס —
פון ווינקל לאַכט די פערענע,
מיט חוזק פונעם בעט...

## ווער ווייסט?

ווער ווייסט?
וויפל יאָרן האָט אַ מעת־לעת,
וויפל לעבנס אַ מת,
וויפל טעג אַ שלאָפלאָזע נאַכט,
וויפל מפלות אַ געוווּנענע שלאַכט,
ווער ווייסט,
ווער ווייסט.

ווער ווייסט?
וויפל נאָענטקייט ליגט ערגעץ ווייט,
וויפל טרויער אין פרייד,
וויפל שנאה ליגט אין אַ קוש,
וויפל דוחק אויף אַ רייכן טיש,
ווער ווייסט,
ווער ווייסט.

ווער ווייסט?
וויפל טריט האָט אַ לעצטער וועג,
וויפל האָפענונג שטאַרבט אין שרעק,
וויפל חושך האָט עס די זון,
וויפל זאָגט דער וואָס איז שטום,
ווער ווייסט,
ווער ווייסט,
ווער ווייסט?...

## די מויז

אויסגעלאָשן ס׳ליכט פון לאָמפּ,
אין חושך זינקט דאָס הויז.
דער הונגער טרייבט פון נאָרע,
די אַלטע שטובן מויז,

אַ קוק אַהער, אַ קוק אַהין,
שמעקט אויס דעם האַרטן דיל,
און זעט גאָרניט אין ווינקל דאָרט,
די קאַץ ליגט וואַך — און שטיל.

די מויז אַ פלי, אַ שוואַרצער בליץ,
מיט פרייד צום פרישן ברויט,
און זאָט געוואָרן ביז צום האַלדז,
מיט אומגליק און מיט טויט . . .

---

אינטערעסירט מיט טעאָזאָפיע אָדער מיט אַ רעליגיעזער דאָקטרין". קומט אויס אַז עס וואָלט געווען נאַיוו צו באַהויפּטן, אַז שאַגאַל איז אַ למדן, אַ צדיק, אַ חסיד צי גאָר אַ פּשוטער שומר מצוות. פונדעסטוועגן, זאָגט קאַססאָ, האָט שאַגאַל, ווי אין תוך אַ רעליגיעזער בן אדם, געגעבן זיין צושטייער צו דער הייליקייט פון דער וועלט". „אין אַ זין באַזיצט שאַגאַל דעם גייסטיקן כוח פון אַ מאַן וואָס זיצט אויף דער שטול פון אַ גייסטיקן פירער, פון איינעם פון שבט לוי וואָס ברענט מיטן פלאַם פון ליבע צו זיין אייגענעם שטאַם. דאָס לאָזט זיך מערקן אין די העל־זוניקע קאָלירן, די קאָלירן פון פייערלעכן יובלען. לויט די רייד פון רבי זלמן שניאור, „איז די אויפגאַבע פון די לווים געווען צו זינגען דאָס געזאַנג פון פרייד און לויב מיט פסוקים פון הלל און פון תהילים מיט מוזיק" (דאָרט).

פון די מאָלערייען אויף אַ רעליגיעזער טעמאַטיק דאַרפן ארויסגעהויבן ווערן די פיגורן און טיפּן, וועלכע זענען „אָפיציעל" קריסטלעך און זענען דורך שאַגאַלס קינסטלעריש אויג און געדאַנקען פריזמע אויסגעטאָן געוואָרן פון קריסטלעכקייט און דערגאַנגען צום שורש פון ייִדישקייט.

עס איז צו האָפן, אַז טראָץ דעם הויכן עלטער וועט שאַגאַל זיין שעפעריש נאָך לאַנגע יאָרן. אמן.

פאַרמען ציגן, פיש, קעלבער און אַנדערע בעל־חי. אַז אַ ציג האָט ליב אַרויפצושפּרינגען אויף אַ דאַך, איז באַוווּסט, שאַגאַל האָט עס פאַרעגיסטרירט. די פיש־אָרנאַמענטן אויף זיינע בילדער זענען אַרויסגעשוווּמען פון פעסלעך הערינג מיט וועלכע זיין טאַטע האָט געהאַנדלט. די פיש האָט שאַגאַל איבערגעשטאַלטיקט אין סימבאָלן, פאַראייביקט אויף די וויטראַזשן פון די צוועלף שבטים.

דאָס פאַראייביקן זכרונות פון דער קינדהייט, איז אין וואָרט אָדער אין פאַרב אַן אויסדרוק פון בענקשאַפט נאָך דעם פאַרשוווּנדענעם אַמאָל, וואָס וועט מער נישט קומען צוריק. דער מעכאַניזם פונעם אונטערבאַוווּסטזיין אינספּירירט דעם באַוווּסטזיין אינעם פּראָצעס פון שאַפונג, פון געבן אַ קינסטלערישן לבוש. ביי שאַגאַלן שפּרייזט די אַבסטראַקטע ווירקלעכקייט, פּאַראַלעל צו דער רעאַלער רעאַליטעט, וועלכע קאָן נישט ווערן געזען מיטן פיזישן אויג... ווייל זי שטאַמט פון טיפערע קוואַלן.

אַ קאָפּ אָפּגעטיילט פונעם גוף, אָדער געשטעלט מיטן קאָפּ אַראָפּ, איז אַ וואַריאַנט וואָס חזרט זיך איבער אין שאַגאַלס מאָלערייען. פונוואַנען קומט אַזאַ אויבנאויפיקער אבסורד? שאַגאַל דערציילט, אַז ווען זיין פעטער האָט געשפּילט אויף דער פידל „דעם רבינס ניגון", האָט דער יונגער מאַרק געהאַט דאָס געפיל, אַז זיין קאָפּ האָט זיך אָפּגעטיילט פונעם גוף און איז אַרומגעפלויגן צוזאַמען מיטן ניגון אין העכערע וועלטן. נאָך פאַרן ווערן בר מצוה האָט דער יונגע בחור דערשפּירט, אַז עס גייט אין אים אויף אַ כוח, וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סטיכיע פון שעפערישקייט. אַלץ וואָס ער האָט געזען פון זיינע עלטערנס בוידעם־שטיבל — די באַרגיקע שטאָט וויטעבסק, די הילצערנע הייזקעס, די צלמים פון די צערקוועס, די יידישע באַלעגאָלעס און זייערע בידנע פערדלעך, האָט דאָס האַרץ באַנומען און די האַנט האָט זיך געריסן צו צייכענען. זיין מוטער האָט אין אָנהויב נישט געוואָלט מסכים זיין, אַז ער זאָל ווערן עפּעס אַ „פּאָרטרעטלער". דאָך האָט זי נאָכגעגעבן און אים געבראַכט צו אַ יידישן מאָלער מיטן נאָמען פּען. אין פּענס אַטעליע האָט שאַגאַל נישט געפונען די געהעריקע לופט צום אָטעמען. אגב האָט דער פּאָרטרעטן־מאָלער געהאַט ווייניק צייט צו פאַרנעמען זיך מיטן יונגן בחור. איז שאַגאַל אַוועק קיין פּעטערבורג, און אויך דאָרט איז אים געווען צו ענג. אויך דאָרט האָט דער פּראָפעסאָר געהאַט ספיקות איבער שאַגאַלס טאַלאַנט. דערמאָנט דען דאָס נישט אין איינשטיינען, וועלכער איז געווען שלעכט דווקא אין מאַטעמאַטיק? דער ענטפער איז אַ קלאָרער: איינשטיינס באַנעמען מאַטעמאַטיק איז אַריבערגעוואַקסן דעם פּראָפעסאָרס וויסן. שאַגאַל האָט פון די ערשטע טריט אַרויסגעוויזן אינדיווידואַליטעט, און צוליב זיין נישט קאָנפאָרמיזם איז ער געוואָרן אַ פרעמדקערפּער פאַר זיינע לערערס.

נאָך פּעטערבורג איז ער אַוועק קיין פּאַריז. אַ מאַן אין עלטער פון 35 יאָר, איבערפולט מיט דערפאַרונגען אין סאָוויעט־רוסלאַנד, ספּעציעל זיין וויטעבסק. ווי מאָדנע עס זאָל נישט קלינגען האָט ער וויטעבסק נישט געקענט עלימינירן פון זיין לעבן. קומט מאַנמאַרט, די נעסט פון דער קינסטלער כאַליאַסטרע וואָס זאָרגט נישט וועגן מאָרגן קומט אַן אַנדערער יידישער קינסטלער מאָדעליאַני, וועלכער האָט געלעבט אין פּאַריז, געהונגערט, געפיבערט... און געמאָלן. מעצענאַטן־שווינדלער האָבן אים געקויפט אַ פלאַש וויין, אַ לעבל ברויט — און צוגענומען ביי אים אַ בילד. דערנאָך האָבן זיי געוואַרט ביז ער איז געשטאָרבן — און פאַרקויפט פאַר הויכע פּרייזן די איבערנאַכט באַרימט געוואָרענע מאָדעליאַניס בילדער. אויך שאַגאַל הונגערט און מאָלט. נאָר דער פיזישער הונגער האָט אים נישט אַוועקגעריסן פון מאָל־ברעט. דער גייסטיקער הונגער האָט אין אים גובר דעם פיזישן — און שאַגאַל האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון לעבן. אין די פּאַריזער יאָרן האָט שאַגאַל פאַנאַנדערגעשפּרייט זיינע קינסטלער־פליגל און ער האָט געשאַפן אומגעהויערע רייכטימער. עס זענען געקומען גרויסע לייוונטן אויף ביבלישע טעמעס פון אַלטן און נייעם טעסטאַמענט, אַדורכגעלויכטענע מיט זיין נישט פאָרמעלער רעליגיאָזיטעט. קין און הבל. די וואַנט פון טרערן. די אַלטע שול פונעם מקובל, דעם אר"י הקדוש. יעקב׳ס געראַנגל מיטן מלאך. די וויטראַזשן פון קירכעס און קאַטעדראַלן. דער סופית פון דער פּאַריזער אָפּערע. דער פּאַסאַד פון דער ניו־יאָרקער מעטראָפּאָליטאַן, און אויך וואָס ער האָט אַלעמאָל געדענקט: פּייזאַזשן פון וויטעבסק. ווי דערמאָנט געפינען זיך זיינע מאָלערייען אין לוווּר, אין דער מעטראָפּאָליע פון קינסטלער, ווען געוויינטלעך דרייסיק יאָר נאָכן טויט פון אַ קינסטלער, ווערן די טירן פון לוווּר פאַר אים געעפנט. קריטיקער פלעגן באַזוכן די ספּעציעל אויסגעבויטע געביידע פאַר די צוועלף שבטים, שטייען באַצויבערט מיטן מאָנומענטאַלן פאַרנעם פון דאָזיקן ווערק. שאַגאַלס אַ פריינד, אַ פראַנצויזישער פּאָעט, קוקנדיק שעהן לאַנג אויף שאַגאַלס וויזיעס, האָט פּלוצלינג אַרויסגעלאָכט מיט אַ נישט קאָנטראָלירט געלעכטער „דאָס איז דאָך איבערנאַטירלעך".

דער פּאָעט האָט ווייזט אויס נישט באַוויזן צו דערכאַפּן דאָס וואָס שאַגאַל האָט יאָ באַוויזן.

אין שאַגאַלס לעבן זענען געווען צוויי פרויען, בעלאַ, די יוגנט געליבטע, און וואַוואַ, די חברטע אין די שפּעטערע יאָרן נאָך בעלאַס טויט. זיי זענען אַריין אין זיינע לייוונטן מיט דער זעלבער ליבע ווי וויטעבסק. דאָס זאָגט זייער אַ סך.

אַז שאַגאַל איז אין תוך געווען נאַציאָנאַל איז נישט צו ספק. ווי דערמאָנט האָט ער קינסטלעריש פאַרבונדן נאַציאָנאַלע מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלן, אין בעסטן זין פון דעם טערמין. דאָס האָט זיך אויך אויסגעדריקט אין אַ סך פון זיינע מאָלערייען אויף תנכיש־יידישע און נישט־יידישע טעמעס. קען מען טראַכטן, אַז שאַגאַל איז געווען אין תוך אַ רעליגיעזער מאַן? איז כדאַי צו הערן וואָס עס שרייבט דער קונסט־קריטיקער דזשין קאַסאָ, דער מחבר פון אַ גרעסערער אַרבעט וועגן שאַגאַלן און זיינע פאַרבינדונגען מיט רעליגיע. „שאַגאַל איז זיכער נישט פאַר־

י. מ. לעווין

# מאַרק שאַגאַל — דער אוניווערסאַלער און יידישער קינסטלער

ווען מען זאָל פרעגן אַ פשוטן ייד „ווער איז שאַגאַל?" — וואָלט ער אַ פאַרחידושטער געענטפערט: „איר ווייסט דען נישט, אַז מאַרק שאַגאַל איז דער מאָדערנסטער יידישער קינסטלער?" דער ענטפער פון דעם ייד וועט זיין אַ ריכטיקער — שאַגאַל איז קודם כל אַ יידישער קינסטלער. ער איז גלייכצייטיק אַן אוניווערסאַלער קינסטלער אָנערקענט און באַרימט אין דער גאָרער וועלט. איז צייט **צו שטעלן די פראַגע: „ווער איז שאַגאַל אינעם היכל פון** קונסט? איז ער אַ „מאָדערנער", אַן עקספּרעסיאָניסט, אימפּרעסיאָניסט, קוביסט אָדער סתם אַן אַבסטראַקט־קינסטלער? שאַגאַל ווי יעדער קינסטלער איז אדורכגעגאַנגען אַלע פּאַזעס פון מאָלעריי אין משך פון זיין לעבן, ביז הונדערט און צוואַנציק. ער האָט אַדורכגעמאַכט אַלע קינדער־קראַנקהייטן, זינט ער האָט אָנגעהויבן מאָלן. מען קאָן אים נישט באַצייכענען „אימפּרעסיאָניסט", „עקספּרעסיאָניסט" אָדער מיט אַן אַנדערן „איזם", שאַגאַל איז אולטראַ אינדיווידועל אין זיין קונסט, ער איז שאַגאַל, אַ שאַפער פון אַן אייגענער שולע, וואָס איר קינסטלערישער אויסדרוק איז שאַגאַלס תוכיק יידישקייט.

שאַגאַלס קונסט איז אַ געראָטענער זיווג פון קאָליר, פאָרם־ און מחשבה. אין יעדן פון זיינע בילדער, אומאָפּהענגיק פון סיוזשעט, געפינט זיך דער שורש פון דאָזיקן מזלדיקן צונויפשמעלץ פון דריי עלעמענטן, וואָס יעדער איינער פון זיי וואָלט געקאָנט באַטראַכט ווערן ווי אַ גאַנצקייט. ווען מען באַטראַכט שאַגאַלס אַ מאָלעריי ווערט מען באַווירקט נישט נאָר מיט דער קראַפט פון פאָרם און ריטעם נאָר אויך מיט דאָס באַהאַלטענע צווישן ליניע און פלעק — מיט דער אידעע. איבער זיינע לייוונטן שנירלט זיך אַדורך שאַגאַלס פערזענלעך לעבן, אַדורכגעפלאָכטן מיטן לעבן פון זיינע עלטערן אין וויטעבסק. זיין „אידעען־פעלד" איז פול מיט סיוזשעטן פון ווייטער יידישער געשיכטע. אָנהויבנדיק מיט די צוועלף שבטים, און פאַרגעזעצט מיטן חורבן פון דער נישט ווייטער פאַרגאַנגענהייט. שאַגאַל איז נישט דער טרוקענער כראָניקער וואָס שטייט מן הצד און פאַרצייכנט קאַלבלוטיק אומגליק און טרויער. ער שטייט אין סאַמע ווירבל פון אַלע געשעענישן. ער איז זיך מתיחד מיטן פאָלק, ווי איינער פון פאָלק, ווי אַ קינסטלער מיט אַ וואַכזאַם אויג און ווי אַ ייד מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ. דער דאָזיקער מאַן, וואָס איז דורך און דורך נאַציאָנאַל און פילבאַר ווי אַ פידל סיי פאַר פרייד, סיי פאַר לייד פון זיינע מיטברידער יידן, איז אויך מסוגל אָנצוטאָן אויף דעם יידישן נאַציאָנאַלן תוך אַ אוניווערסאַלן לבוש. הענגען זיינע פאַרביקע פאַנטאַזיעס אין די קונסט־מוזייען איבער גאַר דער וועלט. אין לוווּר אַלס אַ פראַנצויזישער קינסטלער; אין אַ סך אַנדערע מוזייען און אין די סאַלאָנען פון יידישע און נישט יידישע מעצענאַטן.

כאָטש עס איז דעם נישט ייד שווער צו באַגרייפן דעם קינסטלערס יידישן **דראַנג צו העכערע** יידישע מדרגות, פון פרצ׳ס „נאָך העכער" ווערט ער אָבער באַווירקט מיט שאַגאַלס עקספּרעסיאָניסטישער קראַפט, און ער דערשפירט די גרויסע דערהויבנקייט פון מחשבה איינגערעמט אין ליניעס און פאַרבנפלעקן, וואָס שאַפן אַ סימפאָניע. ליכט — דאָס וואַרעמדיקע ליכט פון בראַשיתדיקן יהי אור — באַשטראַלט מיט פריידיקע טענער דעם ייד ווי דאָס קעלבל, דעם מענטש און פייזאַזש. אפילו דאָס בלויע ליכט באַנוצט פון קינסטלער, אונטערצושטרייכן אַ טיפערן טאָן, שיינט מיט אַ באַזונדער ליכטיקייט, אַ טיפע און אַ לויטערע, אַן אָפּשפּיגלונג פון קינסטלערס אינערלעכן מהות. די אַנדערשקייט פון שאַגאַלס קונסט אין פאַרגלייך מיט אָנגענומענע „איזמען", דריקט דער קינסטלער אויס מיט פאָלגענדע ווערטער: „איך אַליין פאַרשטייט נישט מיינע מאָלערייען. זיי פאַרמאָגן נישט די אַזוי גערופענע „ליטעראַטור" אָדער ווי עס ווערט אויסגעטייטשט: די פילאָזאָפיע וואָס ווערט געזוכט אין אַ בילד. — זיי זענען געוויינטלעכע אַראַנזשירונגען פון אימאַזשן וועלכע באַהערשן מיך". דאָס איז די פאָרמול פון שעפערישן מעכאַניזם, צו וועלכן דער קינסטלער איז זיך מודה.

וועלכע זענען זיי די „אַראַנזשירטע אימאַזשן", פון וואַנען קומען זיי? וואָסערע קראַפט זיצט אין זיי, אַז זיי זאָלן זיין אַ יש, אַן־און־פאַר־זיך, אַן „ליטעראַטור" און אַן פילאָזאָפיע"? מיר זעען אין זיי דעם גוואַלטיקן כוח געכפלט מיט אויסנעמלעכן חן. פון וועלכע קוואַלן האָט שאַגאַל געשעפט זיין קינסטלערישע אינספּיראַציע, פון וועלכע וויזועלע ממשותדיקע געשעענישן לייכטן ארויס זיינע שימערירנדיקע קאָלירן? קומט אַלץ פון די קינדער־יאָרן, פון וויטעבסקער אָרעמקייט, אַזוי גוט באַקאַנט און האַרציק אַקצעפּטירט דורך קינסטלער? זיכער, אַז דער קינסטלערישער אַרויסשפּראָץ אין די גאָר יונגע יאָרן איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער יידישער ווי מיט דער נישט יידישער מיליע אין וועלכער שאַגאַל איז געוואַקסן. די איינגעזאַפּטע קינדער־זכרונות ווערן נישט פאַרוואַנדלט אין פאַרגליווערטע בילדער באַדעקטע מיט אַ הייטל פון בענקשאַפט. די זכרונות ווערן איבערגעשטאַלטיקט אין פאָעמעס. זיי ווערן די נאָטן פון דעם אינערלעכן ניגון וואָס באַגלייט אים, און אַ געניטער קונסט־מבין איז מסוגל לויט די נאָטן אויפצולעבן די בענקשאַפט־וויבראַציעס וואָס באַגלייטן די קינסטלערישע אימאַזשן.

אויף זיינע בילדער חזרן זיך איבער אין פאַרשידענע

צו ייִדן פון לאָדזש, קאַלושין און ווילנע אין ענגליש, בעת די ווייט־גרעסטע מערהייט פון די דאָזיקע ייִדן לעבן זיך אויס אין ייִדיש און טייל פון זיי פאַרשטייען נישט אפילו קיין ענגליש. דאַרפן מיר, די „קדימה", צושטיין צו אָט די אַסימילאַציע־פאַרשפּרייטער און צוהעלפן צו פאַרטרייבן ייִדיש פון אונדזער סביבה?

מילא, ווען בית־ווייצמאַן פירט אַרבעט מערסטנס אין ענגליש האָט ער פאַר אַן אויפגאַבע די טעטיקייט לטובת ישראל און ציוניזם; ווען ענגליש־רעדנדיקע ייִדן דאַווענען אויף ענגליש און האַלטן „סערמאָנס" אום שבת און יום־טוב דינען זיי צו גאָט אין ענגליש. וועמען עס אַנטשפּרעכט אָט די פאָרם פון ייִדישן לעבן — זאָל אים ווויל באַקומען. אָבער וואָס וועט די „קדימה" טאָן אויף ענגליש: פייערן לייוויקן, רעדן וועגן אברהם סוצקעווער, חיים גראַדע אד"ג אויף ענגליש? וועלכער „ייִדישער" קולטור וועלן מיר דינען: סאָל בעלאָוו? אין בעסטן פאַל חיים פּאָטאָק און אליעזר וויזעל אין ענגליש?

ניין, און ווידער אַ מאָל ניין! לאָמיר שוין בלייבן ביי אונדזער „גרינעם" לעבנס־שטייגער, ביי אונדזער אַלטער גייסטיקער ירושה פון דער ייִדישער מזרח־אייראָפּע און די אַלט־נייע אַסימילאַציע־וועגן לאָזן פאַר אַנדערע באַגליקערס פון ייִדישן פאָלק.

זאָל מיר פריינד אָרבאַך נישט איינרעדן, אַז ער מיינט נישט צו פאַרטרייבן ייִדיש, נאָר ער מיינט צו ברענגען די ענגליש־רעדנדיקע יוגנט צו דער „קדימה". דאָס איז אַ פּוסטער וואונטש. ווען די „קדימה" האָט געמאַכט די לעצטע פאָרלעזונג פון פּראָפ. יודזשין אָרענשטיין אין ענגליש — ווער איז געקומען אים הערן? נישט די ענגליש־רעדנדיקע ייִדן אָדער יוגנט, נאָר ווידער אַמאָל די פריערדיקע צוהערער פון זיינע פאָרלעזונגען אין ייִדיש. די וואָס באַטראַכטן זיך אַלס ייִדישע אויסטראַליער און ווילן נישט הערן קיין ייִדיש, קומען סיי ווי נישט אין „קדימה" און ס'איז נישט פאַראַן קיין כוח זיי צו ברענגען צו אונדז. דער איינציקער פּראַקטישער אויספיר פון פריינד אָרבאַכס אידייע־פיקס, קאָן זיין נאָר דער, אַז מיר זאָלן איבערגעבן די „קדימה" אין די הענט פון די ענגליש־רעדנדיקע ייִדן. וויל דאָס פריינד אָרבאַך? איך גלויב אַז נישט. צי פאַרשטייט נישט פריינד אָרבאַך, אַז כדי אריבערצוגיין אויף ענגליש דאַרף דער גאַנצער „קדימה"־קאָמיטעט, אַזוי ווי ער שטייט און גייט, זיך אָפּזאָגן און באַשאַפן אַ קאָמיטעט, וואָס וועט זיין אַ פאַרלייקענונג (איך וויל נישט באַנוצן אַ שאַרפערן אויסדרוק) פון אונדזערע אידעאַלן און איבערצייגונגען?

פריינד אָרבאַך קען לערנען און ער ווייס וואָס איך מיין, ווען איך וועל אים זאָגן, אַז עס איז נישט אונדזער אויפגאַבע צו פאַרענדיקן די אַרבעט, אָבער מיר קענען זיך נישט אָפּזאָגן פאַרצוזעצן די אַרבעט וועלכע מיר האַלטן פאַר ריכטיק און הייליק.

פריינד אָרבאַך מיינט, אַז ער איז עפּעס מחדש ווען ער האַלט זיך אַזוי עקשנותדיק ביי זיינע פאַלשע איינרעדעניש, אַז דורך אריבערגיין, אָדער אפילו בלויז פאַרגרעסערן, ענגליש אין „קדימה" וועט ער ראַטעווען די „קדימה". ניין, ער וועט זי אומברענגען אויב מיר וועלן זיך צוהערן צו זיינע עצות. די „קדימה" איז אַן אינסטיטוציע פאַר ייִדיש, און נאָר פאַר ייִדיש. אַלס אַזעלכע ווערט זי באַטראַכט נישט בלויז דורך אונדז, די ייִדיש־אָנהענגער, נאָר דורך אונדזערע קעגנער, די ענגליש־רעדנדיקע ייִדן. אַלס אַזאַ האָט מען דרך־ארץ פאַר אונדז. מען האָט אַכטונג פאַר אונדז פאַר דער געטריישאַפט צו אונדזער גייסטיקער ירושה; פאַר אונדזער עקשנות פאַרצוזעצן און אָפּצוהיטן די אוצרות פון דער ייִדישער קולטור און ליטעראַטור. מיר גלויבן, טראָץ דעם שטאַרקן אסימילאַציע־שטראָם וואָס גייט אָן אין ייִדישן לעבן, אַז ייִדיש וועט נאָך לאַנג לעבן און זיין שפּעריש — לאַנג נאָך דעם ווען מיר וועלן שוין דאָ נישט זיין.

וואָס וועט זיין נאָך אונדז?

איך ווייס נישט. איך האָב געלייענט אין אַ ייִדישן זשורנאַל אין פּויליש א"נ „איזראַעליטאַ", פון מיט העכער הונדערט און דרייסיק צוריק, פון די 1850־קער יאָרן (אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז דער זשורנאַל רעדאַגירט געוואָרן דורך נחום סאָקאָלאָוו), אַז ווען מען וועט צולאָזן ייִדן אין די אוניווערסיטעטן, אין צאַרישן רוסלאַנד, וועלן זיך ייִדן אויסשמדן און וועלן פאַרשווינדן אַלס פאָלק. מען האָט שפּעטער ייִדן צוגעלאָזט אין די צאַרישע אוניווערסיטעטן, אין אַ באַגרענעצטער פאָרם, מיט אַ „נומערוס קלאַוזוס", און ייִדן זענען נישט פאַרשוווּנדן; מען האָט ייִדן שפּעטער צוגעלאָזט אין די פּוילישע אוניווערסיטעטן, מיט אַ „נומערוס קלאַוזוס" און „לינקע בענק" — און ייִדן זענען נישט פאַרשוווּנדן. ייִדן האָבן פולע פרייהייט אין די אַמעריקעס, ענגלאַנד, אויסטראַליע און ערגעץ אַנדערש — און זיי פאַרשווינדן נישט.

אויך ייִדיש גייט נאָך נישט פאַרשווינדן. די נביאות פון די ייִדיש־שונאים (און אַזעלכע פעלן נישט ב"ה), אָדער די זנאַכאָרסקע מיטלען אונדז צו ראַטעווען פון אונטערגאַנג, זענען פאַר אונדז נישט אָננעמבאַר. מיר האָבן גאָר נישט וואָס צו רעווידירן, מיר וועלן ווייטער אָנגיין מיט אונדזער אַרבעט לטובת ייִדיש און ייִדישער קולטור, און מיר וועלן נאָך מיט ייִדיש לאַנג בלייבן אַ לעבעדיקער, אַקטיווער טייל פון ייִדישן פאָלק.

---

## ערשטער אַרויסלאָז

די ייִדישע טאָג־שול א"נ שלום עליכם פייערט הייַנטיקס יאָר איר ערשטן אַרויסלאָז פון דער גרונט־שול. דאָס זענען די ערשטע 7 גוטע יאָר. אויף דעם פייערלעכן אָוונט וועלן די קינדער־אַביטוריענטן, באַווייזן זייערע דערגרייכונגען. עס וועט זיין אַ יום־טוב פון די לערער, עלטערן, שול־טוער.

די שול־טוער טוען דערווייל דאָס זייעריקע — זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן אויף אַ מיטל־שול.

לאָמיר זיי באַגריסן און ווינטשן דערפאָלג.

הערשל באַכראַך

# נייע וועגן און אַלטע אילוזיעס

(אַן ענטפער פריינד יוסף אָרבאַך)

אין לעצטן נומער „מעלבורנער בלעטער" (3/27) דרוקט פריינד י. אָרבאַך אַן אַרטיקל א"נ „אַלטע פּראָבלעמען און נייע וועגן". אייגנטלעך איז דאָס נישט אַ נייע טעמע פאַרן מחבר פונעם אַרטיקל. ער האָט שוין פיל מאָל געשריבן אויף דער טעמע און אין זעלבן נוסח. אויב איך ענטפער איצט אויף פריינד אָרבאַכס אויספירן איז עס נאָר דערפאַר, ווייל הגם ער איז שוין פון לאַנג אַן אַקטיווער טוער פון „קדימה", פאַרנעמט ער אָבער איצט דעם אַמט פון פּרעזידענט און דערפאַר דאַרף מען נישט פאַרשווייגן די פאַלשע מיינונגען און שעדלעכע אויספירן וועלכע ער מאַכט אין דערמאָנטן אַרטיקל.

יוסף אָרבאַך איז מיט רעכט באַאומרואיקט וועגן דער צוקונפט פון דער „קדימה" און ער זוכט מיטלען ווי אַזוי צו פאַרזיכערן איר ווייטערדיקן המשך. איז וואָס לייגט אונדז פאָר דער מחבר שוין איצט: אָנשטאָט צו וואַרטן מיט דער ליקווידאַציע פון דער „קדימה" אויף דער צייט ווען מיר, דער יידיש־דור, וועט שוין מער נישט זיין, לייגט ער אונדז פאָר אַז מיר זאָלן שוין, ווען מיר לעבן נאָך, ווען די „קדימה" האָט נאָך גענוג לעבנס־זאַפטן, ווען ס'איז נאָך פאַראַן אַ גענוגנדיקער רעזערוואַר פון יידן וועמענס שפּראַך איז יידיש און וועלכע קומען נאָך היפּש אויף גוטע פאָרלעזונגען אין יידיש (דער סאַמע לעצטער באַוויז — די גוט־באַזוכטע לעקציעס פון ישראל בערקאָוויטש, פון רומעניע, און דעם יידיש־וווּנדערקינד פּראָפ. יודזשין אָרענשטיין פון קאַנאַדע), אַז מיר זאָלן שוין איצט זיך אָפּקערן פון די דאָזיקע יידן, און פון אונדזער שפּראַך יידיש, און יאָגן זיך נאָך די ענגליש־רעדנדיקע יוגנט און עלטערע, וועלכע קומען נישט אַצינד אין דער „קדימה.

איך וועל נאָך רעדן וועגן דעם צי די „קדימה" קען אַזאַ ציל דערגרייכן. איך וויל אָבער פריער זאָגן עפּעס אַנדערש: די „קדימה" איז געגרינדעט געוואָרן מיט זיבעציק יאָר צוריק דורך יידישע אימיגראַנטן פון פּוילן און רוסלאַנד, כדי צו באַשאַפן אַ קולטור־היים פאַר זיך אין דעם פרעמדן אימיגראַציע־לאַנד. די וואָס האָבן באַטראַכט די „קדימה" פאַר אַן אָרט וואו מען דאַרף זיך בלויז „אויסגרינען", זענען פון דער „קדימה" גאַנץ שנעל אָפּגעפאַלן און האָבן זיך גענומען אויסלעבן אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, מערסטנס רעליגיעזע קאָנגרעגאַציעס, אָדער אַנדערע אָרגאַניזאַציעס וועמענס טעטיקייטס־שפּראַך איז געווען ענגליש. די יידן וועלכע האָבן געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו יידיש זענען אין דער „קדימה" געבליבן און פאָרגעזעצט איר אַרבעט. בעת די כסדרדיקע אימיגראַציע־שטראָמען איז זי פאַרשטאַרקט געוואָרן אַ דאַנק דעם צופלוס פון יידיש־באַוואוסטזיניקע אינטעליגענטן (דער באַזוך פון פּרץ הירשביין און שפּעטער די קורצע אָבער אַקטיווע טעטיקייט פון דיכטער מלך ראַוויטש), אַזעלכע ווי: פּנחס גאָלדהאַר, ד"ר אהרן פּאַטקין, סענדער בורשטין, בונם וואַרשאַווסקי, הערץ בערגנער, יוסף גיליגיטש, און די פיל אַנדערע פּראַקטישע טוער וועלכע האָבן פאַרנומען די בענקלעך אין די „קדימה"־קאָמיטעטן און געטאָן די טאָג־טעגלעכע אַרבעט פון דער אָרגאַניזאַציע.

עס איז געקומען די צווייטע וועלט־מלחמה און אויף עטלעכע יאָר איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דער צופלוס פון נייע יידיש־רעדנדיקע אימיגראַנטן. אָבער דער גרויסער אימיגראַציע־שטראָם נאָך אָט דער מלחמה האָט זייער שטאַרק פאַרגרעסערט די צאָל מיטגלידער און צוהערער פון דער „קדימה"'

עס זענען געווען במשך דער גאַנצער צייט פּרוּוון אַראָפּצופירן די „קדימה" פון איר נאַטירלעכן וועג. צי דאָס זענען געווען די וועלכע האָבן געוואָלט פאַרוואַנדלען די „קדימה" אין אַ פּאָליטישן פּאָלוואַרק (די א"ג „פּראָגרעסיווע"), אָדער דער פּרוּוו בכלל צו ליקווידירן די „קדימה" אַלס אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע (דער פּרוּוו פון אַ טייל ציוניסטן צו „פאַראייניקן" זי מיט „בית וויצמאַן") — האָבן זיך אָבער שטענדיק געפונען די געזונטע יידיש־עלעמענטן, וועלכע האָבן אָפּגעשלאָגן די דאָזיקע פּרוּוון און פאַרזיכערט פאַר דער „קדימה" אַ לאַנגן פּעריאָד פון געזעלשאַפטלעכער קולטור־טעטיקייט אין יידיש.

צי הייסט דאָס, אַז אין „קדימה" האָט געהערשט אַ חרם אויף קולטור־אַרבעט אין ענגליש? בשום אופן נישט. ווען ס'איז געקומען אַ רעדנער, וועלכער האָט נישט געקענט קיין יידיש, האָט די „קדימה" אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד און אים דערמעגלעכט ארויסצוטרעטן אויף די ברעטער פון דער „קדימה", אָבער אונדזער אידיי איז עס נישט געווען. דער ציל פון דער „קדימה" איז געווען צו זאָרגן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון יידיש און דאָס פלעגן די יידיש־קולטור.

די וועמען דאָס האָט נישט אַנטשפּראָכן, קומען נישט אין דער „קדימה".

די עצה וואָס פריינד יוסף אָרבאַך גיט אונדז איצט, אַז מיר זאָלן איבערגיין (ער מיינט מסתמא אין אַ גרעסערער מאָס) צו אַ קולטור־טעטיקייט אין ענגליש, מוז אַנטשידן אָפּגעוואָרפן ווערן מצד די מיטגלידער פון „קדימה". עס זענען פאַראַן גענוג יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועמענס פּראַקטישע טעטיקייט העלפט צו פאַרשפּרייטן די שפּראַך־אַסימילאַציע ביי יידן. מיר קענען אָט די אַרבעט איבערלאָזן פאַרן בית־וויצמאַן, אָדער פאַר די יידישע שולן און שילן וועלכע פירן זייער אַרבעט אין ענגליש. עס איז גענוג טרויעריק צוצוקוקן ווען מיר זעען ווי יידישע רבנים (איך זאָג בפירוש נישט ראַבייס), נאָר רבנים דרשענען

האַלבע שעה — אין געוויסע טעג — מעלדן די מעלבורנער ראַדיאָ־סטאַציעס, אַז אַלס פּראָטעסט קעגן היטלערס קומען צו דער מאַכט, רופט־אָפּ די „קדימה“ דעם טערמין פון איר ערשטער פונקציע. די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע האָט געמאַכט אַ געהעריקן איינדרוק און שטאַרק געהויבן דעם אָנזען פון דער „קדימה“ אויך צווישן דער נישט־יידישער באַפעלקערונג.

אויף אַן עקסטראַ־זיצונג פון קאָמיטעט ווערט איינשטימיק אָנגענומען אַ באַשלוס צו שאַפן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע מיט דער אויפגאַבע צו זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן די רדיפות אויף יידן אין דייטשלאַנד. זאָל דאָ באַטאָנט ווערן, אַז די „קדימה“ איז געווען די איינציקע יידישע אינסטיטוציע אין אויסטראַליע אָנצונעמען און דורכצופירן אַזאַ באַשלוס.

## געסט־רעדנער און אַרטיסטן מעבר לים

זינט אָנהויב 50־קער יאָרן פילט די „קדימה“ אַ נויטווענדיקייט צו ברענגען פון אויסלאַנד אַלס גאַסט־רעדנער באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט. דער ציל איז אַריינצוברענגען אַן אויפלעבונג אין היגן יידישן לעבן. פיל פּרווון ווערן געמאַכט אין דער ריכטונג. אין 1952 ווערט געפירט אַ לענגערע קאָרעספּאָנדענץ מיט ה. לייוויק'ן. דער דיכטער האָט אָנגענומען די איינלאַדונג, אָבער רעזיגנירט פון דעם באַזוך צוליב געזונט־טעמים.

אין 1955 באַזוכן אונדזער ישוב אויף דער איינלאַדונג פון דעם טעאַטער־קרייז ביי דער „קדימה“, ווי עס איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, די אַרטיסטן זיגמונט און ראָזאַ טורקאָוו.

אין 1956 קומט דער ערשטער גאַסט־רעדנער אין דער פּערזאָן פון יעקב פּאַט ע"ה; אין 1957 — ד. ב. מאַלקין ע"ה; אין 1958 ווײַלט דאָ דער שרייבער יעקב ראָכמאַן, וועלכער האַלט אייניקע רעפעראַטן אין „קדימה“. אין 1960 קומט דער זינגער סידאָר בעלאַרסקי און דער פּרעלעגענט יעקב מאַלקין; אין 1961 גיט אייניקע רעפעראַטן אין „קדימה“ ד"ר חיים שאָשקעס ע"ה. שפּעטער קומט אַלס גאַסט־רעדנער דער דיכטער אברהם סוצקעווער. אין 1962 קומט מענדל מאַן; אין 1963 — ווידער ד. ב. מאַלקין. אין 1964 — פּראָפ. עזריאל נאַקס און דער רעזשיסער יוסף שיין. אין 1965 — ד"ר בערל פּרימער, און אין 1966 — לוי שאַליט.

די באַזוכן פון די געסט־רעדנער און אַרטיסטן האָבן אַריינגעבראַכט אַ גרויסע אויפלעבונג אין אונדזער ישוב. די רעפעראַטן פון די געסט־רעדנער ווערן מאַסנווייז באַזוכט. יעדער רעדנער ווערט געהערט פון 3000—6000 מענטשן. זייערע באַזוכן ווערן פאַרוואַנדלט אין גרויסע מאַניפעסטאַציעס פאַרן יידישן לשון און פאַר יידישער קולטור — אַ מין התעוררות־קאַמפּיין פאַר יידיש און פאַר יידישן קיום.

אין 1965 זענען געקומען אויף דער איינלאַדונג פון דער „קדימה“ שמעון דזשיגאַן און כוכבה הררי. זייערע פאָרשטעלונגען זענען באַזוכט געוואָרן פון קנאַפּע 8000 מענטשן.

✶

די טעטיקייט פון טעאַטער־קרייז ביי דער „קדימה“ דערגרייכט איר הויך־פּונקט אין 1952/3, ווען עס זענען געשטעלט געוואָרן פינף פּיעסן (צוזאַמען 22 פאָרשטעלונגען) אונטער דער רעזשי פון יעקב ווייסליץ און רחל האָלצער. די פאָרשטעלונגען זענען באַזוכט געוואָרן דורך העכער 7000 מענטשן.

אַ זייער גערויטן יאָר פאַרן יידישן טעאַטער איז אויך געווען דאָס יאָר 1955, ווען עס זענען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן אַהער דורך דעם טעאַטער־קרייז זיגמונט און ראָזאַ טורקאָוו. עס זענען געגעבן געוואָרן אין דעם יאָר אין דער „קדימה“ עטלעכע און דרייסיק פאָרשטעלונגען און וואָרט־קאָנצערטן, וועלכע זענען באַזוכט געוואָרן פון קנאַפּע 9000 מענטשן.

עס דאַרף אויך פאַרצייכנט ווערן דער באַזוך פון חיהלע גראָבער אין 1956/57, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט אַן אויפלעבונג אין היגן טעאַטער־לעבן.

עס איז ווערט אויך דערמאָנט צו ווערן דער באַזוך פון אידאַ קאַמינסקאַ, רות טורקאָוו־קאַמינסקאַ, מאיר מעלמאַן און קאַראָל לאַטאָוויטש פון פּוילן אין 1960. דער קורצער באַזוך האָט אַריינגעבראַכט אַ יום־טובדיקייט אין היגן ישוב און האָט אויפגעלעבט די אַרבעט פון דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז, וועלכער האָט מיטגעשפּילט מיט די געסט.

---

# עטל קאָוועוסקי און לעוו קאַגאַן אין מעלבורן

אויף דער איינלאַדונג פון „קדימה“ געפינען זיך איצט ביי אונדז דאָס קינסטלער־פּאָרל — קאָוועוסקי און קאַגאַן. זיי זענען דאָ פון 19טן סעפּטעמבער ביזן 14טן אָקטאָבער 1981. אין דער צייט וועלן זיי געבן צוויי פּראָגראַמען: „ווידער צוזאַמען“ און „רעד צו מיר יידיש“ — צוזאַמען 9 קאָנצערטן (2 אין סידנעי).

דאָס זענען נייע יידישע לידער, פּרעכטיק אינטערפּרעטירט און געזונגען פון עטל קאָוועוסקי אין מוזיקאַלישער באַגלייטונג (און קאָמפּאָזיציע) פון לעוו קאַגאַן.

דאָס איז שוין דער צווייטער באַזוך פון די קינסטלער אין מעלבורן (ערשטער — 1977).ביידע באַזוכן האָבן געבראַכט מיט זיך יום־טוב'דיקייט און גייסטיקן גענוס.

עטל קאָוועוסקי איז אַ קינסטלערין מיט אַ סך קולטור און טאַלאַנט. דעריבער — דער הויכער קולטורעלער ניוואָ פון אירע פּראָגראַמען.

---

חוץ דעם איז פֿאַראַן אַ לינקע גרופּע אַרום דעם „געזערד", וואָס קאָנצענטרירט זיין טעטיקייט אויף דער אַרבעט לטובת דעם געדאַנק פון ביראָ־בידזשאַן און פֿאַראַן אויך אַ סאָציאַליסטישע, לרוב בונדיסטישע און אַ ביסל פּועלי־ציוניסטיש אָריענטירטע גרופּע, וואָס פֿאַרנעמט זיך דער עיקר מיט דער אַרבעט לטובת די יידישע שולן אין פּוילן.

פֿאַראַן אויך אַן אַקטיווע אָבער מינימאַלע און דעריבער דערווייל ווייניק פּראָדוקטיווע ייווו"אָ־גרופּע (סעקרעטאַר שמחה ברילאַנט).

דאָס יאָר 1930, הגם אין פינאַנסיעלער הינזיכט איז עס זייער אַ שווערס, איז עס אָבער אַ בלי־יאָר אין געזעלשאַפטלעך קולטורעלער טעטיקייט. די פריינט: בר־כהן, בורשטין, הורוויץ, זשאַבינסקי און מינץ צייכענען זיך באַזונדער אויס מיט זייער איבערגעגעבענער טעטיקייט לטובת דער „קדימה" און די יערלעכע באַריכט־פֿאַרזאַמלונג דריקט זיי אויס ספּעציעלע אָנערקענונג.

✶

פון פּראָטאָקאָלן פון דער קאָמיטעט־זיצונג ערב דער דערעפענונגס־פייערונג האַלטן מיר פֿאַר נויטיק צו דערמאָנען אַ כאַראַקטעריסטישן פּרט, וואָס ביי די היינטיקע פֿאַרהעלטענישן אין „קדימה" וואָלט ער אַבסאָלוט מער נישט מעגלעך געווען. אויף דער דאָזיקער זיצונג האָט מר. ש. ברילאַנט אַריינגעטראָגן אַ פֿאָרשלאַג, אַז „דער גרעסטער טייל פון די רעדעס זאָל געהאַלטן ווערן אין יידיש, חוץ דער דערעפענונגס־רעדע פון פּרעזידענט". דער פֿאָרשלאַג איז דורכגעפֿאַלן.

אין „אויסטראַליער לעבן" באַווייזט זיך דאַן אַ שאַרפער אַרטיקל פון פּ. גאָלדהאַר: „יידיש!". דער אַרטיקל־שרייבער טרעט אַרויס מיט אַ וויי־טאָקלעכן און שאַרפן פּראָטעסט קעגן דעם, פֿאַר וואָס יידיש, דאָס יידישע מאַמע־לשון, איז נישט געווען דער הויפּט־מחותן בעת דער פייערונג. די דערעפענונגס־רעדע איז געהאַלטן געוואָרן אין ענגליש, די באַגריסונגען אין ענגליש, די איינלאַדונגען זענען געדרוקט געווען אין ענגליש. א. הורוויץ ווידמעט אויך אַן אַרטיקל דער וויכטיקער געשעעניש פון אַן אייגענער היים פֿאַר דער „קדימה", און ער פֿאַרענדיקט מעלאַנכאָליש: „...לויטן ווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג הי, איז „קדימה" געבליבן הינטערשטעליק, אָבער מיר ווילן האָפן..." א.אַ.וו.

אייניקע רעדנער, וועלכע רעדן יידיש, הויבן־אָן מיט אַן אַנטשולדיקונג פֿאַר רעדן... יידיש. דר' אַ. פּאַטקין הויבט אָן זיין רעדע: אין „קדימה" איז נישטאָ קיין אַנטשולדיקונג פֿאַר רעדן יידיש, ווען אַפילו אַ טייל פֿאַרשטייען נישט".

דער דעמאָלטיקער פּרעזידענט, ש. ווין, ענטפערט גאָלדהאַרן אין אַן אַרטיקל, ווו ער פֿאַרטיידיקט די שטעלונג פון „יידישן אינהאַלט אויף ענגליש". און „ווי שטעלט זיך פֿאַר פריינט גאָלדהאַר די „קדימה" אין 20 יאָר אַרום? צי וועט מען נאָך דאָרט רעדן יידיש?".

✶

אין דער באַשטימטער דאַטע, דעם 25טן סעפּטעמבער, 1932, אַ זונטיק, איז פֿאָרגעקומען די פייערלעכע צערעמאָניע פון לייגן דעם גרונטשטיין פֿאַר דער נייער געביידע פון דער „קדימה" אויף 840 לייגאָן סטריט. דער דעמאָלטיקער וויצע־פּרעזידענט פון דער „קדימה", פריינט אייזיר הורוויץ, באַשרייבט געַנוי די דאָזיקע צערעמאָניע אין אַ גרעסערן אַרטיקל אין „אויסטראַליער לעבן" פון 30טן סעפּטעמבער, 1932. דער פּרעזידענט, ש. ווין, עפנט די פייערונג מיט אַ קורצער רעדע און בעט דאַן מר. בר־כהן פֿאַרצולייענען די כראָניק פון דער „קדימה"ס עקזיסטענץ. עס ווערן אויסגערעכנט די נעמען פון אַלע ביז איצטיקע פּרעזידענטן און אַמטירנדיקן קאָמיטעט. (די נעמען פון די „קדימה"־פּרעזידענטן פון 1911 ביז 1919 און פון 1919 ביז 1926 (מיט דער „התחיה"), זענען שוין פריער דערמאָנט געוואָרן. דאָ לאָמיר צוגעבן, אַז פון 1926 ביז 1932 זענען געווען פּרעזידענטן: מר. שמחה ברילאַנט, מר. אהרן פּאַטקין, מרס. רייזל ברילאַנט און מר. שלמה ווין. א. הורוויץ לייענט דאַן פֿאַר אַ ספּעציעל געדיכט, געווידמעט דער „קדימה". מר. י. שער גיט איבער די זילבערנע קעלניע צו מר. מ. גראָסבי, וועלכער, נאָכן איינמויערן דעם גרונטשטיין, האַלט אַ קורצע רעדע און פֿאַרענדיקט מיט די ווערטער: „איך לייג דעם גרונטשטיין פון דער „קדימה"־געביידע צום אָנדענק פון מיין פֿאַרשטאָרבענער פרוי ציליע גראָסבי".

אין אַ גרויסן לייוונטענעם געצעלט האָט דער פֿאַרזאַמלטער עולם פֿאַרבראַכט ביי געדעקטע טישן און אויסגעהערט רעדעס מעניני דיומא.

אהרן פּאַטקין האָט גערעדט וועגן דער נייער היים פֿאַר דער מאָדערנער יידישער קולטור אין וויטסטן און ייִנגסטן יידישן ישוב; ראַביי בראָדי האָט אין זיין באַגריסונג געהאַט אַ טענה, הלמאי ס'איז נישטאָ קיין רעליגיעזע צערעמאָניע בעת אַזאַ התחלת הבנין. דערויף איז מר ש. ווין אַרויס מיט אַן אָפענעם ענטפֿער־בריוו אין „אויסטראַליער לעבן" ווו ער ווייזט אָן אויפן וועלטלעכן כאַראַקטער פון דער „קדימה". ראַביי בראָדי גיט ווידער אַן ענטפער, ביז די היציקע דיסקוסיע ווערט איינגעשטילט און דערטרונקען אין די רשימות פון די מנדבים פֿאַרן „קדימה"־בוי־פֿאָנד. דאָס געלט איז אָבער באַשטימט אויסשליסלעך פֿאַרן בוי־פֿאָנד.

✶

די ערשטע גרויסע פונקציע אין אייגענעם בנין, אַ טאַנץ־אָוונט, האָט געזאָלט פֿאָרקומען אָנהויב אַפּריל 1933. די „קדימה" האָט אָבער נאָר־וואָס געהאַט אָנגענומען אַ שאַרפע פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן היטלערס רדיפות אויף יידן און אויף אַלע פרייהייטס־ליבנדיקע מענטשן. היטלער, אין זיינע „האָניג־חדשים" פון קומען צו דער מאַכט, האָט אָפיציעל גענומען ברענען „טריף־פּסולע" ביכער, איידער ער האָט „לעגאַל" גענומען מאָרדן „טריף־פּסולע" מענטשן. די „קדימה"־אינסטאַנצן באַשליסן דעמאָנסטראַטיוו אָפּצולייגן דעם טערמין פון דער ערשטער פונקציע. פּרעסע, פלוג־בלעטלעך און ראַדיאָ ווערן דערצו אויסגענוצט. יעדע

פ. קרישטאַל

# פון די „קדימה"-אַרכיוון

אין דעם יאָר, אין וועלכן די „קדימה" פּייערט איר 70־טן יובל איז ווערט צוריקצוברענגען געוויסע עפּיזאָדן פון דער קאָלירפולער און צייטנווייז שטורמישער געשיכטע פון דער אינסטיטוציע, וועלכע האָט פאַרנומען און פאַרנעמט נאָך אַ פירנדע פּאָזיציע אין היגן יידישן לעבן

די ביבליאָטעק („לייברערי") ווערט פאַרהעלטנישמע־סיק זייער גוט באַזוכט: 125 לייענער דורכשניטלעך יעדע וואָך. צו דער ערשטער אַלגעמיינער יערלעכער באַריכט־פאַרזאַמלונג, דעם 26טן דעצעמבער 1912, קומען שוין 200 מיטגלידער. דער ערשטער קאַסע־באַריכט ווייזט 142/18/6 פונט הכנסה (דערונטער 47/13/2 פונט פון מיטגליד־אָפּצאָל און 74/1/6 פון „דאָנײשנס" — באַשטייערונגען) און 125/2/10 פונט אויסגאַבן.

צו דעם קאָמיטעט געהערן: י. מאַלינסקי, ס. י. סלאָצ־קין, מ. זעלטנער, א. סאָלאָמאָנאָוו, ע. דזשעקסאָן, ל. בער־נער, א. מאָץ, צ. בערמאַן, ר. ראָטבערג און ה. הויזי.

★

ס'וועט זיין אינטערעסאַנט צו געבן געוויסע אויסצוגן פון דער דעבאַטע בעת דער ערשטער באַריכט־פאַרזאַמלונג:

„... נישט יידיש, נאָר ענגליש דאַרף זיין די אָפיציעלע „קדימה"־שפּראַך (ראַבּיי דענגלאַו).

„...מען פּאָוואָריזירט אין „קדימה" אַ געוויסן קלאַס";

„...מען דאַרף שוין קלערן וועגן אַן אייגענעם בנין".

„...נישט לערנען ענגליש איז די אויפגאַבע. דערויף זענען דאָ ספּעציעלע קורסן. דער עיקר איז — העברעאיש. יידיש דאַרף בלויז ווערן טאָלערירט פאַרן עלטערן דור".

„...איך רעד ענגליש, ווייל נישט אַלע דאָ פאַרשטייען זשאַרגאָן. מיט מיין ענגליש־רעדן ברענג איך נוצן די נישט־פאַרשטייענדיקע".

★

אין יענעם יאָר קומט אויך פאָר (דער צווייטער) פּורים־באַל אין „טורן־פאַריין־האָל" און ציט־צו — לויטן באַריכט — 500 באַזוכער.

★

די „קדימה" אַלס אַן אינסטיטוציע האָט זיך צוגעפּאַסט צו די ווונטשן פון דער מערהייט פון אירע מיטגלידער און אויך אין די שבתים איז זי געווען אָפן בייטאָג.

(דזשואיש הערואַלד", 16טן אויגוסט 1912)

מען זעט באַשיימפּערלעך, אַז די „קדימה" וואַקסט סיי אין צאָל און סיי אין פאַרנעם. געוויסע טיילן פון יידישן ישוב אין מעלבורן איז דאָס נישט צום האַרצן. אין „דזשו־איש הערואַלד" באַווייזן זיך אַלץ אָפטער אָנפאַלן אויף דער „קדימה" און אויף די „פרעמדע יידן" מצד דער חברה „אנשי ברית". דאָס שרעקט אָבער נישט אָפּ די ענטוזיאַס־טישע פּיאָנערן פון דער „קדימה" און זיי גייען־אָן ווייטער מיט זייער אַרבעט.

★

דעם 15טן פעברואַר 1914, קומט פאָר די „אָפיציעלע דערעפענונג פון נייעם לאָקאַל". דאָס איז די זעלבע דירה אויף 59 בערק סט., אָבער אַ פאַרגרעסערטע און אויפן ערשטן שטאָק, אַנשטאָט, ווי ביז איצט, אויפן צווייטן. די „קדימה" האָט שוין 2 גרויסע און 3 קלענערע צימערן, פאַרמאָגט שוין אַ ביסל מעבל און אַ פּיאַנאָ (מתנה פון מ. זעלטנער). אויך אויף דער דאָזיקער חנוכת־הבית־פייערונג באַשטייט דער פּראָגראַם בלויז פון ענגליש און העברע־איש. מיס פ. באַרקמאַן האַלט אַ לעקציע וועגן דער „אַנט־וויקלונג פון דער יידישער דראַמע" אויף ענגליש, און דער „דזשואיש הערואַלד" מיינט, אַז דאָס וועט דערנענטערן די עמיגראַנטן צו שעקספּירן אין אָריגינאַל.

★

אין אָנהויב פון 1929 קומען פאָר אַ סעריע אָוונטן, גע־ווידמעט מאָדערנע יידישע שרייבער, רעפעראַטן איבער אַקטועלע יידישע טעמעס און אָנדענק־אָוונטן, געווידמעט פאַרשטאָרבענע יידישע שרייבער און באַקאַנטע געזעל־שאַפטלעכע טוער, צווישן זיי אויך אַ טרויער־אָוונט געווידמעט דעם אָנדענק פון נישט־לאַנג פאַרשטאָרבענעם בונדישן פירער בייניש מיכאַלעוויטש.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז צו יענער צייט איז געווען ביבליאָטעקאַר פריינט ס. בורשטין, נאָך אַלס פרישער עמיגראַנט אין אויסטראַליע. ער האָט נישט געוואָלט אַק־צעפּטירן דעם אָנבאָט פון דעם קאָמיטעט צו נעמען אַ געוויסן געהאַלט פאַר זיין אַרבעט און ער האָט זי כסדר אויסגעפירט אומגעצאָלט. דאָסגלייכן איז פריינט מ. שעכ־טער, אַ לאַנגע צייט געווען אומגעצאָלטער ביבליאָטעקאַר.

★

מיטן צופלוס פון נייע עמיגראַנטן, דער עיקר פון פוילן, איז דער באַזוך אין „קדימה" שטאַרק אויסגעוואַקסן און גאַנץ אָפט איז דער „זאַל" אויף 313 דראַמאָנד סטריט, געווען צו קליין פאַרן גרויסן עולם. עס איז רייף געוואָרן דער געדאַנק וועגן פאַרשאַפן פאַר דער „קדימה" אַן איי־גענעם בנין. אין די פּראָטאָקאָלן פון יענעם פּעריאָד גע־פינען מיר שוין וואָס־אַמאָל אָפטערע באַריכטן אי וועגן דער גרינדונג, אי וועגן די ערשטע שריט פון דער בוי־קאָמיסיע. אין די פּראָטאָקאָלן געפינען מיר אויך אָפט ברייטערע דיסקוסיעס, לשבח ולגנאי, וועגן דער טעטיקייט פון דער דראַמאַטישער סעקציע ביי דער „קדימה".

★

אויסטראַליע איז אַ לאַנד, ווו עס זענען כמעט קיין יידישע פּאַרטייען נישטאָ. פאַר דער מלחמה איז געווען בלויז געדאַנקלאָז־אַסימילאַטאָרישע טענדענץ און אָריענ־טאַציע. נאָך דער מלחמה איז אַנטשטאַנען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַ שטאַם און אַ סך צווייגן אין אַלע היגע שטאַטן און וואָס האָט באַזונדערס דערפאַר אַזאַ גוטן באָדן דאָ, ווייל אַ גרויסער טייל פון די היגע יידן באַטראַכט דעם ציוניזם ווי אַן ענין, וואָס לאָזט זיך זייער גוט בינדן מיט בריטישער אָריענטאַציע.

# די „קדימה" בויט איר אייגענע היים

**(אַ געשיכטלעכער דאָקומענט)**

**דעם 25טן סעפטעמבער, 1932, קומט פאָר די פייערלעכע צערעמאָניע פון לייגן דעם ווינקלשטיין פאַר דער נײַער געבידע פון „קדימה" אויף 840 לייגאָן סטריט.** די פאָלגנדיקע אײַנלאַדונג איז פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן צו מיטגלידער און פריינד:

די יידישע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה"
313 דראַמאָנד סטריט, קאַרלטאָן.
12טן סעפטעמבער, 1932.

געערטער הער אָדער מאַדאַם,

זונטיק, דעם 25טן סעפטעמבער, ד. י., וועט געשען אין מעלבורן אַ פּאַסירונג, וועלכע, מיר האָפן, זאָל זיך אײַנקריצן און בלייבן אין זכרון פון מעלבורנער יידנטום אַלס היסטאָרישע געשעעניש.

מיט 21 יאָר צוריק האָבן אַ הייפעלע ענטוזיאַסטן און בעלי־חלומות פאַרלייגט אַ ווינקל אויף דער יידישער גאַס, וועלכער האָט געזאָלט דינען אַלס דער מיטל־פּונקט פון יידישן דענקען, פילן און שטרעבן. מיר זאָגן ענטוזיאַסטן און בעלי־חלומות, ווייל עס האָט זיך ווירקלעך געפאָדערט ענטוזיאַזם און אומדערמידלעכע עקשנות, אין יענער לאַנגפאַרשוווּמענער עפּאָכע צו וועלן גרינדן דאָס וואָס זיי האָבן פאַרטראַכט, אָבער זייער מוטיקער ווילן, געמישט מיט אידעאַלער באַלייכטונג, האָט זיי געשטאַרקט אין זייער ווּנטש און זיי האָבן געגרינדעט זייער מיניאַטור־טעמפּל פון קולטורעלער, יידיש־קולטורעלער, נאַציאָנאַלער און ליטעראַרישער שאַפונג.

די יידישע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה" איז דאַן געגרינדעט געוואָרן, באַגלייט פון איין זייט, פון דער זייט פון די גרינדער און זייערע מיטסימפּאַטיקער מיט ליבע און איבערגעגעבנהייט צו זייער אינסטיטוציע, און מיט חוזק און שפּאָט און פאַראַכטונג פון אַ צווייטער זייט, מצד די יעניקע, וועמען יידישע נאַציאָנאַל־קולטורעלע טעטיקייט איז געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגן.

יענער פעריאָד איז אַריבער, אַוועק אין היסטאָרישן אַרכיוו, און פאַר דער לאַנגער צייט פון איר עקזיסטענץ, איז „קדימה" אַדורכגעגאַנגען אַ ביטערן קאַמף פאַר איר לעבן און געדייען. עס האָט זיך געפאָדערט אַן אומערשעפּלעכע מאָס קוראַזש און אָפּפערווייליקייט מצד די, וועלכע זענען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון „קדימה" צו ברענגען איר צו דעם מאָמענט פון בויען אַן אייגענעם ווינקל, און מיט גרויס שמחה לאַדן מיר אייך איין, ווערטער פריינד אָדער פריינדין, צו קומען נעמען אָנטייל אין אונדזער — אייער יום־טוב, זונטיק, דעם 25טן סעפטעמבער ה.י., 3 אַזייגער נאָכמיטאָג, אויף 840 לייגאָן סטריט, נאָרט קאַרלטאָן, ווּ עס וועט געלייגט ווערן דער ווינקלשטיין פאַר דער היים, ווּ „קדימה" וועט דאַרפן פאָרזעצן ווייטער שפּינען דעם פאָדעם, וועלכער פאַרבינד אונדז אין אונדזער אָפּגעריסנקייט מיט אַלץ דאָס, פון וועלכן מיר זענען אַרויסגעריסן געוואָרן, ווען מיר האָבן אונדזער יידישע סביבה פאַרלאָזן אין אונדזערע געבורט־לענדער. און מיט טיפער האָפנונג אויף אייער הילף אין דער צוקונפט אָנצוהאַלטן דעם יידישן גייסט אין אונדזער פאַרפוסטעוועטער גאַס און לאָזן גליען דעם פונק, וועלכער ברענגט דאָך ליכט אין אונדזערע פאַרכמורעטע הערצער. מיט דער האָפנונג ערוואַרטן מיר אייך זונטיק, דעם 25טן סעפטעמבער, אויף לייגאָן סטריט, נאָרט קאַרלטאָן, ביי אונדזער נאַציאָנאַלן יום־טוב.

מיט ברידערלעכן גרוס
זענען מיר אויפריכטיק אייער
ס. ווין, פּרעזידענט
מ. זאַכאַרין, סעקרעטאַרין
ש. מושין, געהילף־סעקרעטאַרין.




**פראָנט פון דער „קדימה"־געבייידע אין קאַרלטאָן**

# געשיכטלעכע פאַרצייכענונגען

בלעטערנדיק מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון „קדימה״ — טרעפן מיר זיך אָן אויף אַ דערשיינונג, וואָס האָט עטלעכע יאָר געהאַלטן אין שפּאַנונג דעם „קדימה״־קאָמיטעט — דאָס איז געווען — די „קדימה״־יוגנט. איר אַנטשטייאונג; איר טעטיקייט; אירע פּאָליטישע אָריענטאַציעס און פאַרבינדונגען — דער קער אויף לינקס; די פאַרבינונג מיט פּראָ־קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד, ווי אין אויסלאַנד (דער אינטערנאַציאָנאַלער יוגנט פעסטיוואַל אין מזרח־דייטשלאַנד). אין דער פּרעסע פון יענע יאָרן („יידישע נייעס״ און „די פּאָסט״) טרעפן מיר זיך אָן אויף לייגדנשאַפטלעכע דיסקוסיעס — פאַר און קעגן; אויף שטורמישע „קדימה״־פאַרזאַמלונגען אַרום דעם ענין „קדימה״־יוגנט.

אין רעזולטאַט פון די אַלע געשעענישן, האָט אַן אויסעראָרדנטלעכע פאַרזאַמלונג זיך געפילט געצוווּנגען אויפצולייזן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע.

אין גאַנג פון זוכן געשיכטלעכע מאַטעריאַלן, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ זשורנאַל, וועלכן ס׳האָט אַרויסגעגעבן די „קדימה״־יוגנט. דער זשורנאַל: „יידיש יוגנט״ טראָגט דעם „קדימה״־עמבלעם, און איז דאַטירט: יולי 1946. די אינפאָרמאַציע זאָגט אונדז, אַז דאָס איז אַ „חודש־זשורנאַל אין יידיש, העברעאיש און ענגליש״. צווישן די רעדאַקטאָרן געפינען מיר צוויי גוט באַקאַנטע נעמען פון שרייבער: י. (יאָסל) בירשטיין און י. (יהודה) וואַטען. דער זשורנאַל פאַרמאָגט: 15 זייטן יידיש; 2 עברית; 26 ענגליש. מיר געפינען דאָרט אויך אַ צייכענונג פון היינט באַ־רימטן מאַלער יאָסל בערגנער. אין דער ענגלישער אָפּטיילונג איז אגב דאָ, דאָס ערשטע קאַפּיטל פון הערץ בערג־נערס ראָמאַן „צווישן הימל און וואַסער״ איבערגעזעצט דורך י. ל. וואַטען.

די „קדימה״־יוגנט האָט אין יענער צייט געפירט אַ פּאָזיטיווע, יידישע טעטיקייט. מיר ברענגען דאָ די באַגריסונג פון „קדימה״־פּרעזידענט (פון יאָר 1946) יהודה האַניג ע״ה, אין יידישער איבערזעצונג:

דער יוגנט־זשורנאַל „יידישע יוגנט״, וועלכע ס׳גיט אַרויס די „קדימה״־יוגנט אָרגאַניזאַציע מיט אירע אייגענע כוחות, איז איינע פון די ערשטע פּרוכטן פון לאַנג־יאָריקער קולטור און דערציערישער אַרבעט אין יידיש, וועלכע איז עקשנות׳דיק געפירט געוואָרן דורך אַ גרופּע יידן אין מעלבורן.

זיי האָבן באַקעמפט אסימילאַציע און נאַציאָנאַלן פאַרראַט, מיטן צוועק אָפּצוראַטעווען דעם אונטער־וואַקסנדיקן דור.

מיר באַגריסן דעם אַוואַנגאַרד פון דער „יידישער יוגנט״ און ווילן אָנטיילנעמען אין פאַרגעניגן פון זייער שעפע־רישקייט. אין אונדזער גרויסער טראַגעדיע, איז די יוגנט אונדזער טרייסט.

פון דעם זשורנאַל איז דערשינען בלויז איין נומער. פון דעם נומער ברענגען מיר אַ ליד פון יאָסל בירשטיין.

יאָסל בירשטיין

## כ׳קען

כ׳קען שטענדיק שוין זען אויף מיין שויב
אפילו בייטאָג,
אַ אָנזאָג פון אומגליק און שרעק
אַ סימן פון קלאָג.
איך הער זיך ווען צו צו אַ קול
פון אַ מענטש אויף דער גאַס —
דאָ קען מיך נישט קיינער צומאָל
קומט קיינער צוגאַסט.
איך בין אַ פאַרשפּעטיקטער מענטש
אין דאָזיקן לאַנד.
איז אַלץ נאָך אַזוי ווי פאַרשעמט
מיין היימישע האַנט.
נאָך גוט וואָס דאָס ליד איז נאָך פול
מיט פרומען געזאַנג
און באַהעלט מיינע טריט אויף דער וועלט
וואָס וויינען אין גאַנג.

---

גלייכע, געהיימע און פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן. די אַקציע וועט אויך געפירט אין די וויטערדיקע יאָרן און הגם קיין פולע דעמאָקראַטיזאַציע פון „באָאַרד״ וועט נישט דערגרייכט, וועט דאָך געמאַכט אַ היפּשער פאָרשריט אין דער ריכטונג.

אין 1954 וועט איינגעאָרדנט אַ גרויסער „משפּט״ איבער דער אַסימילירטער יידישער יוגנט. דער „משפּט״ איז איינגעאָרדנט געוואָרן לויט אַלע כללים פון געריכט־וועזן מיט פּראָקוראָרן, פאַרטיידיקער, עקספּערטן און עדות און האָט געדויערט צוויי אָוונטן. די אונטערנעמונג איז באַ־זוכט געוואָרן דורך 500 פּערזאָנען דעם ערשטן אָוונט און 400 דעם צווייטן אָוונט, צווישן זיי פיל יוגנטלעכע. דער „משפּט״ האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג נישט נאָר אין מעלבורן, נאָר אויך אין אויסלאַנד. די פּרעסע אין ישראל („דבר״ און „זמנים״), אין אַרגענטינע („די פּרעסע״) און אין אַנדערע לענדער האָבן געבראַכט געניוע באַריכטן פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג.

די קולטור־טעטיקייט פון דער אינסטיטוציע וועט בסדר אויסגעברייטערט און נעמט אַרום רעפעראַטן, סימ־פּאָזיומס, „לעבעדיקע צייטונגען״, אַקאַדעמיעס צו פאַרשי־דענע געלעגנהייטן, פייערלעכע אָוונטן, קאָנצערטן און אַנ־דערע אונטערנעמונגען. אַ צייט איז אויך געפירט געוואָרן אַ שטודיר־קרייז פון יידישער קולטור־געשיכטע.

(דריטער אַלמאַנאַך, 1967)

פאַרן און נאָך דערשיינען פון „דערציילונגען פון אויסטראַליע" פון פנחס גאָלדהאַר און „דאָס נייע הויז" פון הערץ בערגנער, קומען פאָר אין „קדימה" אָוונטן געווידמעט די דאָזיקע געשעענישן. די הכנסה פון די אָוונטן ווערט איבערגעגעבן די מחברים.

בכלל, פון דער צייט אָן, ווי די „קדימה" גייט אַריבער אין איר אייגענעם בנין, ווערט זי דער צענטער פון יידישן קולטור־לעבן אין מעלבורן. די צאָל יידישע ביכער אין ביבליאָטעק האַלטן אין איין שטייגן. אַלע יידישע צייטונגען — אויף וויפיל זיי קענען נאָר דערגרייכן קיין אויסטראַליע — געפינען זיך אין לייען־זאַל פון „קדימה". סיסטעמאַטישע פאָרלעזונגען אויף יידיש קומען פאָר כמעט יעדע וואָך, און די פאָרלעזונגען שטייען אויף אַ הויכן ניווא.

די „קדימה" האָט דערצויגן אַ דור. אויב יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען ווערן באַזוכט דורך 800 — 1.000 מענטשן; אויב יידישע פאָרלעזונגען ציען־צו אַן עולם פון דורכשניטלעך 300 פערזאָן, און טיילמאָל דערגרייכט דער באַזוך צו 600 פערזאָן; אויב אַ לעבעדיקע „פאָלקסצייטונג" האָט איבער 300 צוהערער אין דורכשניט; אויב אין אַ פראָסטן וואָכעדיקן אָוונט קומען אויף די לעקציעס פון „פאָלקס־אוניווערסיטעט" סיסטעמאַטיש אַן אַנזעעוודיקע צאָל באַזוכער; אויב אַ מאָנאַש־הויז (ציוניסטן) האָט אירע שטענדיקע באַזוכער, און ציוניסטישע אימפּרעזעס אָדער אַן „עונג שבת" ציען־צו אַנדערע הונדערטער און הונדערטער מיטגלידער און סימפּאַטיקער; אויב ס'איז דאָ אין מעלבורן אַ יידישע שול און איר אפּוטרופּוס די געז. „יידישע שול אין מעלבורן" האָט אַ גרויסע מיטגלידערשאַפט; אויב אין מעלבורן דערשיינט אַ וועכנטלעכע יידישע צייטונג („די אויסטראַלישע יידישע נייעס"), וועלכע האָט ביי צוויי טויזנט לייענער בלויז אין מעלבורן; אויב אויף דער יידישע גאַס אין מעלבורן פירן אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט פאַרשידענע פאַרטייען און גרופּירונגען; אויב — בכלל, אין מעלבורן פולסירט שטאַרק דער דופק פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין קעגנזאַץ צו אַלע אַנדערע יידישע ישובים אין אויסטראַליע — איז עס אין אַ גרויסער מאָס, אויב נישט אין דער ערשטער, צו פאַרדאַנקען דער איבער דרייסיק־יעריקער עקזיסטענץ פון דער „קדימה"!

אַ חוץ דעם ווילן און עקשנות פון אירע איבערגעגעבענע אָנפירערס און אויפהאַלטערס, מיטן פּאַטענטירטן צונאָמען „די קדימהוועס", האָט די „קדימה" אין אַ גרויסער מאָס אויך צו פאַרדאַנקען איר ביז איצטיקער עקזיסטענץ — איר אומפּאַרטייאישקייט. מיר באַנוצן דאָ דאָס וואָרט אין זיין בעסערן זין. פאָרשטייערס פון די סאַמע קעגנזעצלעכע ריכטונגען איז געגעבן געוואָרן אַ מעגלעכקייט אַרויסצוטרעטן אין „קדימה". די „קדימה" איז און ווערט וואָס־אַמאָל מער די באמת־פרייע טריבונע פאַרן יידישן וואָרט אין מעלבורן.

די „קדימה" ציילט איצט ביי 600 מיטגלידער און האָט אַ פּעריפעריע פון איבער צוויי טויזנט יידן, וועלכע באַטראַכטן זי פאַר דעם צענטער פון היגן יידישן קולטור־לעבן.

מיר האָפן, אַז ווען דער בלוטיקער מלחמה־קאָשמאַר וועט זיך פאַרענדיקן מיטן נצחון פון גערעכטיקייט און אמתדיקער פרייהייט, וועט דעמאָלט די „קדימה" זיכער זיין אַ חשובער באַשטאַנדטייל אין דער גרויסער נעץ פון יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, וועלכע וועלן צוריק אויפבליען איבער אַלע לענדער, וווּ יידן וווינען.

(צווייטער אַלמאַנאַך, 1942)

ל. פרידמאַן

# איבערברוך אין דער „קדימה"

אין 1951 קומט פאָר אַן איבערברוך אין דער „קדימה"־טעטיקייט. עס ווערן באַזייטיקט פון דער „קדימה"־פאַרוואַלטונג די „לינקע" פאָרשטייער, הויפּטזעכלעך צוליב זייער שטעלונג צו דער טראַגישער לאַגע פון די יידן אין סאָוויעט־רוסלאַנד. אין דעם יאָר ווערט אויך אויפגעלייזט די „קדימה"־יוגנט־סעקציע, וועלכע ווערט אין יענער צייט אָנגעפירט פון „לינקע" עלעמענטן. דער „קדימה"־קאָמיטעט באַמיט זיך אויפצוקלערן דער יוגנט־סעקציע, אַז זי דאַרף פירן אַן אַלגעמיינע יידישע אַרבעט און נישט קיין לינק־פּאַרטייאישע. היות די יוגנט זאָגט זיך אָפּ צו קאָאָפּערירן מיט דעם קאָמיטעט, ווערט גערופן אַן אויסעראָרדנטלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, וועלכע נעמט אָן אַ באַשלוס אויפצולייזן די יוגנט־סעקציע און גלייכצייטיק צו שאַפן אַ נייע יוגנט־אָרגאַניזאַציע.

עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז די אַקטיווע יידישע יוגנט גרופּירט זיך אין פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס און עס איז אוממעגלעך צו שאַפן אַן אַפּאָליטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, ווי די „קדימה" וואָלט זיך געוווּנטשן. ווילנדיק, אַז די יוגנט זאָל געניסן פון דער „קדימה"־געביידע, איז דערלויבט געוואָרן צוויי יוגנט־אָרגאַניזאַציעס — די „הבונים" און דעם „סקיף" — צו פירן אַ טייל זייער טעטיקייט אין לאָקאַל פון דער „קדימה".

זינט 1952 ווידמעט די „קדימה", אונטער דער פּרעזידענטשאַפט פון י. האָניג, ס. בורשטין און שפּעטער ב. פּאַטקין, פיל אויפמערקזאַמקייט דער טראַגישער לאַגע פון יידן אין ראַטנפאַרבאַנד.

אין 1953 ווערט איינגעאָרנט אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג אין שייכות מיט דעם דאָקטוירים־פּראָצעס אין מאָסקווע און סלאַנסקי־פּראָצעס אין פּראַג. אין 1954 און אין די שפּעטערדיקע יאָרן ווערן איינגעאָרדנט אַ ריי אָוונטן, געווידמעט דער פאַרניכטונג פון יידישער קולטור אין רוסלאַנד.

די „קדימה" באַמיט זיך צו האַלטן וואַך די עפנטלעכע מיינונג וועגן דער געפאַר פון יידישן קולטור־„גענאָסיד" אין סאָוויעט־רוסלאַנד. די דאָזיקע אַקציע ווערט געפירט נאָך מער אינטענסיווער זינט 1956, ווען עס ווערט אָפיציעל באַקאַנט די ידיעה וועגן אומברענגען די סאָוויעטישע יידישע שרייבער און קינסטלער. די „קדימה" נעמט די איניציאַטיוו צו רופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע וויכטיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס. עס ווערט איינגעאָרדנט אַ גרויסע טרויער־פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס קומט צום אויסדרוק דער צער און טרויער צוליב דער דערמאָרדונג פון די בעסטע יידישע שרייבער און קינסטלער אין סאָוויעט־רוסלאַנד און עס ווערט אָנגענומען אַ שאַרפער פּראָטעסט קעגן אָט דער רוצחישער האַנדלונג און אַ פאָדערונג צו באַנייען דאָס יידישע קולטורעלע און רעליגיעזע לעבן. די דאָזיקע אַקציע ווערט אויך פאָרגעזעצט אין די ווייטערדיקע יאָרן.

אין די יאָרן הויבט אָן די „קדימה" אַן אַקציע פאַר דעמאָקראַטיזירן דעם „באָאַרד אָף דעפּיוטיס". אין 1952 ווערט גערופן וועגן דער פראַגע אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג. די „קדימה" קומט אַרויס מיט דער לאָזונג, אַז דער „באָאַרד" דאַרף געוויילט ווערן דורך אַלגעמיינע, דירעקטע,

# ב. וואַרשאַווסקי — בלעטלעך „קדימה"־געשיכטע

אריבערקלייבנדיק זיך אין אייגענעם בנין, הויבט־אָן די „קדימה" צו גיין מיט איר אייגענעם, דורך איר אַליין אויסגעפלאַנטן וועג און ווערט דאָס, וואָס זי איז אייגנטלעך באַרופן צו זיין — נישט אַ, נאָר די קולטור־אינסטיטוציע פון יידישן קיבוץ אין מעלבורן. זינט 1933 האָט די „קדימה" אַ שטענדיקן יידישן סעקרעטאַר (דער ערשטער איז געווען פריינד אייזיק הורוויץ), און די אינערלעכע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט, דאָסגלייכן די אויסערלעכע פראָפאַגאַנדע־טעטיקייט גייט איבער סיסטעמאַטיש אויף יידיש. די יאָר־באַריכטן דערשיינען שוין אויך אין יידיש — אַ נייעס אין אויסטראַליע. די „קדימה" פאַרבינדט זיך שטופנווייז מיט אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס אין מעלבורן און רעאַגירט וואָס־אַמאָל מער אויף אַלגעמיינע געשעענישן אין לעבן פון אויסטראַליע און אויף געשעענישן אין יידישן לעבן איבער דער גאָרער וועלט.

די „קדימה" באַטייליקט זיך אין די „הונדערט־יעריקע פייערונגען" (Centenary Celebration) פון דער גרינדונג פון מעלבורן; די „קדימה" שיקט רעפרעזענטאַנטן צו פאַרשידענע קאָנפערענצן, וועלכע האָבן פאַר אַ ציל צו פאַרטיידיקן שלום און דעמאָקראַטיע; די „קדימה" באַשליסט צו שטיצן דעם „קאָמיטעט פון הילף פאַר שפאַניע"; די „קדימה" פראָטעסטירט קעגן ציוניסטישן טראַנספער־אָפמאַך מיט נאַצי־דייטשלאַנד; פראָטעסטירט קעגן די פאַרפאָלגונגען פון דער יידישער שפראַך אין פאַלעסטינע; באַציט זיך אין דער זעלביקער צייט פאָזיטיוו צו דער יידישער אויפבוי־אַרבעט אין פאַלעסטינע; פייערט דעם צען־יעריקן יובל פון ירושלימער אוניווערסיטעט און באַשליסט אים אונטערצושטיצן; גיט אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג לטובת דעם „יידישן טעאַטער־לעקסיקאָן", און העלפט־מיט מיט ספעציעלע אָוונטן דעם „אָרט", „אָזע" און „ייוואָ" אין זייער טעטיקייט אין אויסטראַליע.

די „קדימה" באַטייליקט זיך אין באָיקאָט־קאָמיטעט, וואָס האָט פאַר אַן אויפגאַבע נישט צו דערלאָזן באַציען סחורות פון היטלער־דייטשלאַנד; פירט אַדורך אַ פראָטעסט־מיטינג קעגן די נירענבערגער אַנטי־יידישע געזעצן; אַ פראָטעסט־פאַרזאַמלונג קעגן די פאָגראָמען אויף יידן אין פוילן.

„קדימה" אָרדנט־איין אַ קבלת־פנים פאַר יעדער פראָמינענטער יידישער פערזענלעכקייט, וואָס קומט קיין מעלבורן, אויב נאָר די עפנטלעכע טעטיקייט פון באַטרעפנדיקן גאַסט לאָזט זיך אויף אַ וואָסער־נישט־איז אופן צונויפפאָרן מיט אַ געוויסן געביט פון דער „קדימה"־טעטיקייט אָדער שטרעבונגען. אַ מאָל הייסט אַזאַ גאַסט פרץ הירשביין, מלך ראַוויטש; אַ מאָל עגאָן ע. קיש אָדער בן־אַבי, פון פאַלעסטינע. יידישע אַרטיסטן, געזעלשאַפטלעכע טוער, שרייבער, צי זיי קומען קיין מעלבורן אַלס געסט, צי זיי קומען כדי אויף שטענדיק זיך דאָ צו באַזעצן — זיי אַלע ווערן אָפיציעל אויפגענומען דורך דער „קדימה" און עס ווערט זיי געגעבן די מעגלעכקייט אָנצובינדן אַ דירעקטן, לעבעדיקן קאָנטאַקט מיטן מעלבורנער יידישן עולם דורך דער „קדימה"־טריבונע. די „קדימה" אַרבעט־אויס פערמיטס (אַריינפאָר־דערלויבענישן) פאַר געוויסע יידישע קולטור־טוער און אַרטיסטן, צווו. אַנד. אויך פאַר דער קינסטלערין רחל האָלצער.

חוץ די סיסטעמאַטישע רעפעראַטן, יעדן זונטיק אָוונט, אויף פאַרשידענע טעמעס, רעאַגירט אויך די „קדימה" אויף יעדער וויכטיקער געשעעניש און דאַטע אין יידישן קולטור־לעבן. יאָר־יערלעך ווערן געהעריק געפייערט די יאָרצייטן פון די גרויסע יידישן שרייבער, עס ווערן איינגעאָרנט אַקאַדעמיעס צו זייערע יובילעאומס און ספעציעלע אָוונט ווערן געגעבן אין שייכות מיטן דערשיינען פון אַ וויכטיק יידיש בוך.

די „קדימה" האָט אירע פאַרדינסטן אויפן געביט פון מיטהעלפן צו דערשיינען פון יידישע ביכער אין אויסטראַליע. צום דערשיינען פון ערשטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך (דורך מלך ראַוויטש), אָרדנט איין די „קדימה" אַ ספעציעלן אָוונט און העלפט מיט זיין פאַרשפרייטונג.

---

טובדיקן געפיל. דער פאָרזיצער, דער שרייבער פון די שורות, האַלט אַן אריינפיר־רעדע און דערקלערט די וויכטיקייט פון דער געשעעניש. און די צערעמאָניע הויבט זיך אָן. אהרן בר־כהן לייענט די כראָניק פון דער „קדימה" אין וועלכער עס ווערן אויסגערעכנט צוערשט אַלע געשטאָרבענע פרעזידענטן און אַנדערע פאַרדינסטפולע טוער פון דער אינסטיטוציע, שפעטער ווערן אויסגערעכנט אַלע איבעריקע פרעזידענטן און פאַרדינסטפולע עסקים פון דער יידיש־נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק „קדימה". צום סוף דער באַשטאַנד פון דעם איצטיקן קאָמיטעט, וואָס איז גלייכצייטיק דער בוי־קאָמיטעט.

נאָך בר־כהנען לייענט אייזיק הורוויץ אַ געדיכט, וואָס ער האָט ספעציעל צו דער פייערלעכקייט אָנגעשריבן. ישראל שער — דער וויצע־פאָרזיצער דערלאַנגט די טראַדיציאָנעלע זילבערנע קעלניע צו משה גראָסבי. ביים לייגן דעם שטיין זאָגט משה גראָסבי: איך לייג אָט דעם שטיין פאַר דער „קדימה", פאַר דעם היים פון דער יידישער קולטור און צום אָנדענק פון מיין פאַרשטאָרבענער פרוי ציליאַ גראָסבי. די געהעריקע ווערטער זענען מיט גאָלדענע אותיות גראַווירט אויף דעם פונדאַמענט־שטיין. דער עולם גייט איצט אריין אין אַ ספעציעל צוגעגרייטן לייוונטענעם געצעלט און פאַרבייסט. מען האַלט נאָך אַ פאָר פייערלעכע רעדעס און מיט געזאַנג און גוטער, האָפערדיקער שטימונג גייט מען זיך פונאַנדער.

שבת־אָוונט, דעם 25טן מערץ 1933, ווערט דער נייער, אייגענער „קדימה"־בנין אָפיציעל געעפנט. דער זאַל איז געפאַקט. דער פאָרהאַנג גייט ארויף. אויף דער פראַכטפול דעקאָרירטער בינע זיצט דאָס פרעזידיום פון דער „קדימה". אָבער ווי דער שטייגער פון אַ יידישער שמחה הויבט זי זיך אָן מיט אַ טרויעריקער בשורה. דער פרעזידענט טיילט מיט, אַז עס איז נאָר־וואָס אָנגעקומען אַ ידיעה וועגן דעם זיג פון דעם מאָדערנעם המן, און — מיט אַ פראָטעסט־רעזאָלוציע הויבט זיך אָן די טעטיקייט פון דער „קדימה" אין איר נייעם בנין...

דער פאָרזיצער גיט איבער אַ גאָלדענעם שליסל צו מ. זעלטנער, איינעם פון די ערשטע פרעזידענטן פון דער אינסטיטוציע, דערויף דערקלערט מ. זעלטנער אָפיציעל, אַז דער נייער בנין פון דער „קדימה" איז געעפנט.

לינדאַ פיליפס, די באַקאַנטע יידישע מוזיקערין, שפילט אַ ספעציעל פאַרפאַסטע פיאַנאָ־קאָמפאָזיציע. דער קוואַרטעט שפילט און לידער ווערן געזונגען.

פאַר דעם אויסטראַלישן יידנטום איז דער דערמאָנטער אָוונט געווען אַ היסטאָרישע געשעעניש, אָבער אויך פאַר דער יידישער וועלט־קולטור־טעטיקייט האָט ער אַ באַדייטונג: עס איז צוגעקומען נאָך איין פונקט אין דעם וועלטבילד פון אונדזער קולטור־אַקטיוו.

(ערשטער אַלמאַנאַך 1937)

גאַנגען דער קאַמף ביז צום יאָר 1919. אין יענעם יאָר האָט זיך די אינסטיטוציע אינגאַנצן באַפרייט פון דער קאָנסערוואַטיווער השפעה. דעמאָלט איז אויסגעגעקליבן געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג פון ייִנגערן עלעמענט, פון מאָדערנעם און ראַדיקאַלן. דער שרייבער פון די שורות האָט געהאַט דעם כבוד צו זיין דער פאָרזיצער אין יענער פאַרוואַלטונג.

אָבער דער טויש פון דער פאַרוואַלטונג צו לינקס צו, האָט נאָך נישט באַדייט, אַז דער אידעישער קאַמף האָט זיך שוין געענדיקט. פאַרקערט — ער האָט טאַקע דעמאָלט אויפגעפלאַקערט אויפסניי. עס איז דעמאָלט געווען די צייט נאָך דער זיגרייכער רוסישער רעוואָלוציע און אַ געוויסער עלעמענט פון די „קדימה"־מיטגלידער האָט דווקא געוואָלט די אומפאַרטייאישע אינסטיטוציע אריינוואַרפן אין די אָרעמס פון דער פאָליטיק און פאַרשטייט זיך — לינקס. דער ציוניסטישער עלעמענט האָט ווידער געשטרעבט, אַז די „קדימה" זאָל אָפיציעל זיך אָנערקענען אַלס ציוניסטישע אינסטיטוציע. מיט אַ יאָר שפּעטער איז דאָס אין אַ געוויסער מאָס געשען. די „קדימה" האָט זיך אָפיציעל אָנגעשלאָסן אָן דער דעמאָלסטיקער ציוניסטישער געזעלשאַפט „התחיה". עס איז אָבער שטענדיק געבליבן אַן עלעמענט מיטגלידער וואָס איז געווען אומצופרידן פון דעם אויסגאַנג און האָבן געשטרעבט, אַז די אינסטיטוציע זאָל זיך פאַרנעמען נאָר מיט ייִדיש־קולטורעלער אַרבעט און זיך נישט פאַראייניקן מיט קיין שום פאַרטיי און זיך נישט מישן אין קיין שום פאָליטיק.

אַרגומענטירט האָט דער קרייז: סך־הכל זענען מיר דאָ אַ הייפעלע ייִדן פאַראינטערעסירטע אין אידעען און קולטור. טאָמער וועלן מיר זיך צעברעקלען, וועט דער גאַנצער בנין איינפאַלן. איז שוין בעסער אַרבעטן צוזאַמען, דערפאַר אָבער בלויז אויף דעם קולטור־געביט.

סוף־כל־סוף האָט טאַקע דער עלעמענט געוווּנען די אויבערהאַנט און אין יאָר 1926 האָט זיך די „קדימה" אָפּגעטיילט פון דער „התחיה" און דעמאָלט טאַקע האָט זיך ערשט אָנגעהויבן איר אמתער רענעסאַנס־פעריאָד.

נאָך עפעס האָט דאָ געשפילט אַ ראָלע און מיר וועלן עס נישט פאַרבייגיין. אין יענער צייט האָט זיך דאָ אָנגעהויבן אַ שטאַרקער שטראָם פון אַ נייער אימיגראַציע־כוואַליע. אַ גרויסער טייל פון די נייע אימיגראַנטן האָט אפילו מיטגעבראַכט מיט זיך א מין נאָך־מלחמה און אינפלאַציע־מענטאַליטעט פון די אַלטע לענדער, וואָס דאָס איז נישט אַזוי גינציק פאַר קולטור־אַרבעט. עס איז אָבער אויך געקומען, ווי אַלעמאָל, אַ הייפעלע אינטעליגענץ, און דאָס הייפעלע איז באַלד צוגעשטאַנען, איך וואָלט אפילו געזאָגט: צוגעפאַלן, צו דער„קדימה"־אַרבעט. און אַ נייער צופלוס פון פרישע כוחות איז אַלעמאָל גוט און געזונט פאַר אַ קולטור־אינסטיטוציע. האָט זיך טאַקע דעמאָלט דער ניוואָ פון דער „קדימה" אַ הויב געטאָן.

---

איידער איך וועל געבן אַ ריכטיק בילד פון דער פאַרצווייגטער „קדימה"־טעטיקייט, וויל איך מיך נאָך אויף אַ ווײַלע אומקערן צו איר פריערדיקער געשיכטע. אָט ליגן פאַר מיר די ערשטע יערלעכע באַריכטן. עס זענען נאָך די באַריכטן פון די יאָרן 1912 ביז 1914 — ווען דער לאָקאַל פון דער „קדימה" איז נאָך געווען אויף בערקסטריט 59, און איז נאָך שטאַרק אונטער דער יאהודישער השפעה. עס איז נאָר גענוג אַ בליק צו טאָן אויף די טיטלען פון די אונטערנעמונגען: יאהודיש־זינלאָזע אַנגליזירונג. די רעפערענטן — ראַביים, די טעמעס — טעאָלאָגישע... אויף די מוזיקאַלישע אָוונטן, האָט זיך נאָך ווען־עס־איז אַרומגעדרייט פאַריתומט אַ ייִדיש ליד, אָבער

אין אַלגעמיין איז ייִדיש געווען פאַרוקט אין אַ טונקעלן ווינקל אריין.

אין 1915 האָט זיך די „קדימה" אַריבערגעקליבן אין ייִדישן געגנט אריין, אויף דראָמאָנד סטריט 313. פון דעמאָלט אָן באַמערקט זיך גלייך אַ נייגונג צו מער אַלגעמיין קולטורעלע טעמעס. און דאָס לשון איז שוין — ייִדיש. און די טעמעס זענען שוין: מענדעלע, אחד העם, ביאַליק, פרץ, פרוג. עמכ'דיק. עס קומען אויך פאָר צוויי קאָנצערטן פון ייִדישער פאָלקס־מוזיק. מען רעאַגירט אויף אַלוועלטלעכע ייִדישע געשעענישן. מען זאַמלט אונטער די פליגלען פון דער „קדימה" אין יאָר 1916 — 950 פונט לטובת די ייִדן אין די מלחמה־לענדער. דאָס רעאַגירן אויף אַלוועלטלעכע ייִדישע געשעענישן ווערט פון דעמאָלט אָן גוטע געוווינהייט.

**ווען עס הויבט זיך ווידער אָן איינצושטעלן דער שטראָם פון דער ייִדישער אימיגראַציע שטייט די** „קדימה" אויך נישט ביי דער זייט. לויט איר איניציאַטיוו, און צום טייל אונטער איר השגחה, ווערט געגרינדעט די „ייִדישע באַגריסונגס־געזעלשאַפט" — (דזשואיש וועלקאָם־סאָסייעטי). איר פאָרזיצער איז א. ש. ראָז, סעקרעטאָר א. נ. בר־כהן. די געזעלשאַפט באַנוצט זיך אויף דעם ברייטסטן אופן מיט דעם לאָקאַל פון דער „קדימה". איר אויפגאַבע איז צו באַגעגענען די אימיגראַנטן אויף יעדער אָנקומענדיקער שיף, געפינען פאַר זיי וווינונגען און אַרבעט (עס ווערט אויך איינגעאָרדנט אַ קורס פון די עלעמענטאַרע קענטעניש פון דער ענגלישער שפּראַך). און בכלל מאַכן אַביסל היימישער דעם נייעם אימיגראַנט, וואָס האָט נישט ווער עס זאָל זיך מיט אים פאַרנעמען.

די דאָזיקע „וועלקאָם־סאָסייעטי" האָט עקזיסטירט ביז צום יאָר 1930, ווען עס האָט זיך לחלוטין אָפּגעשטעלט די ייִדישע אימיגראַציע.

די לייַ־ביבליאָטעק פון דער „קדימה" פונקציאָנירט כסדר, אָבער דער נייער קורס ברענגט נייע ביכער און טאַקע וואָס מער ייִדישע, עס איז דאָך דער קורס פון וואָס מער פאָלקסטימלעכקייט.

אָבער וואָס נוצט דאָס אַלץ, אַז די „קדימה" קען נישט פאַרברייטערן איר טעטיקייט, מחמת איר לאָקאַל איז צו ענג. אַ זאַל פאַר 150 פערזאָנען איז אפשר אַמאָל גוט געווען, איצט איז דאָס שוין נישט מער גענוג. כדי צו פאַרברייטערן די טעטיקייט — מוז אויך פאַרברייטערט ווערן דער לאָקאַל. און עס ווערט באַשלאָסן צו זאַמלען געלט אויף אַן אייגענעם בנין.

צוויי יאָר צייט ווערט געפירט די בוי־אַקציע — ביז ענדלעך זונטיק, דעם 25טן סעפּטעמבער 1932 ווערט געלייגט דער גרונטשטיין פון דער געביידע. דער עולם אַ גאַנץ גרויסער און די שטימונג — אַ געהויבענע ביז גאָר. מען לייגט דאָך אַ גרונשטיין פאַר דער היים פון דער ייִדישער קולטור אין דעם ווייטסטן ווינקל פון גאָטס ערד.

אין אונדזער לעבן, דעם לעבן פון ווייטפאַרוואָרפענע ייִדן, איז דאָס געווען אַ גרויסער יום־טוב און אין לעבן פון אודזער אינסטיטוציע איז דאָס געווען די גרויסע געשעעניש און דערפאַר גלויב איך, אַז איך מעג מיר דערלויבן צו דערציילן אַביסל מער וועגן יענער צערעמאָניע. זאָל עס פאַרשריבן ווערן לדורות — ווי מען זאָגט עס.

דער בוי־פּלאַץ געפינט זיך אין שענסטן טייל פון דער שיינער לייגאָן־סטריט, וואָס ליגט אינמיטן ייִדישן געגנט. אויף דעם פּלאַץ — אַ גרויסע מאַסע ייִדן. די זון קאַרגט נישט מיט איר בייטראַג צו אונדזער שמחה. די געמיטער זענען הייטער: מען לייגט דאָך דאָס ערשטע מאָל אַ גרונטשטיין פאַר אַ היים פון ייִדישער קולטור אין דעם ווייטן לאַנד. אַלעמענס הערצער פלאַטערן ממש מיט יום־

## שלמה ווין

# די ערשטע 25 יאָר

די געשיכטע פון דער יידישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק „קדימה“ איז אייגנטלעך די געשיכטע פון דעם יידישן פאָלקסטימלעכן באַוווּסטזיין אין מעלבורן און אפשר, טאַקע אין גאַנץ אויסטראַליע. און אַזוי ווי אויסטראַליע געפינט זיך אין דעם ווייטסטן און איזאָלירטסטן ווינקל פון דער וועלט, קען אָט אַזאַ געשיכטע זיין אינטערעסאַנט, אין אַ געוויסן זינען, אויך פאַר דעם פאָרשער פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן רענעסאַנס.

אין דער צייט, ווען די „קדימה“ איז אַנטשטאַנען האָט דאָ לחלוטין נישט עקזיסטירט קיין נאַציאָנאַל־יידיש באַוווּסטזיין אין נייערן זין פון דעם וואָרט. דאָס איז געווען עטלעכע יאָרן פאַר דער מלחמה, אין יאָר 1911. די דעמאָלסטיקע היגע יידישע באַפעלקערונג איז לרוב באַשטאַנען פון צוויי סאָרטן. פון איין זייט אויסגעשפּראָכענע אַסימילאַטאָרן, אַזויגערופענע „יאַהודים“, און גלאַט עם־הארצים. פונקט ווי עס איז דער שטייגער אין אַלע ענגליש־יידישע ישובים, האָבן דאָ אויך עקזיסטירט יידישע פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן און אַ נאָכמיטאָג־און זונטיקשולע פאַר רעליגיעזע לימודים, און — פאַרשטייט זיך — אַלע אַנדערע כלי־קודשדיקע קלאַפּערגעציַיגן. און דאָס אַלץ איז געשטאַנען אונטער דעם שטאַרקסטן איינפלוס פון די קלעריקאַלן און יאַהודים און ועל כולם האָט איבער אַלץ געבושעוועט דער גייסט פון אסימילאַציע. דער הויפּט־ציל פון די דעמאָלטיקע פירער איז געווען צו אַנגליזירן דעם היגן ישוב און אים האַלטן אונטער דער השפעה פון די רעליגיעזע אַנשטאַלטן.

עס איז דעמאָלט געווען די צייט פון די נאָכווייעניש נאָך דער שרעקלעכער רעאַקציע אין רוסלאַנד נאָך דעם יאָר 1905, די צייט, ווען די אַנטוישטע יידישע אינטעליגענץ פון רוסלאַנד און פּוילן האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער עמיגראַציע פאַר יעדן פּרייז. אָט די עמיגראַציע־כוואַליע האָט אויך קיין אויסטראַליע פאַרשווענקט אַ קליין הייפל פון פּראָגרעסיווער יוגנט, וואָס איז אַנטרונען געוואָרן פון די דערמאָנטע לענדער. באַלד נאָך איר אַהערקומען האָט יענע קליינע גרופּע דערזען, אַז אידעאיש איז זי אין אַ מדבר. און כאָטש דער גרעסטער טייל פון זיי איז נאָך דעמאָלט נישט געווען מאַטעריעל איינגעאָרדנט, האָט מען אָבער אָנגעהויבן צו טראַכטן ווי אַזוי אָביסל אויפצולעבן דעם אידעאישן מדבר. דער ערשטער אָנהויב איז — די גרינדונג פון אַ קולטור־קריַיז.

געזוכט מענטשן, געזוכט אין דעם מדבר און געפונען: יהושע ראָכלין ז״ל, אברהם סטאָן ז״ל און ד״ר מ. שאַליט. יידן — ווייט פון אַסימילאַטאָרישע געדאַנקען און אויך ווייט פון עם־הארצות, טיפן פון אַמאָליקע משכילים און דערצו תושבים פון דעם לאַנד. און דאָס איז וויכטיק געווען.

אָבער גיי טו עפּעס אויף, אַז עס זענען נישטאָ די מאַטעריעלע מיטלען דערויף. אָט אַזוי האָט מען שוין געמוזט אָנקומען צו פילאַנטראָפּיש געשטימטע יאהודים, דערפאַר צוגעזאָגט צו געבן אַן איינפלוס אויף דער קומענדיקער געזעלשאַפט אין דער פאָרם פון עטלעכע ערטער אין דער פאַרוואַלטונג. מצד די יאהודים האָט מען אַזאַ מין פּראָפּאָזיציע ווייליק אָנגענומען, ערשטנס — ווער זאָגט זיך עס אָפּ פון אחינו בני ישראל פון „בענקלעך“? און צווייטנס איז דערמיט געגעבן געוואָרן אַ געוויסע גאַראַנטיע, אַז דער נייער קריַיז וועט נישט צופיל פאַר... יידיש ווערן, נאָר וועט גיין אויף די וועגן ווי זיי איז ליב.

און אָט ווי אַ קינד פון אַזאַ געזעלשאַפטלעכער קאָמבינאַציע איז דעם 26טן דעצעמבער 1911 געבוירן געוואָרן דער ערשטער יידיש־קולטורעלער פאָלקסטימלעכער צענטער אויף דעם קאָנטינענט. מען האָט דעם קינד אַ נאָמען געגעבן „בית ספר לאומי — קדימה“. אין ענגליש: „דזשואיש נעשאָנאַל לייברערי קדימה“. די ערשטע פאַרוואַלטונג האָט זיך אָט אַזוי צוזאַמענגעשטעלט: פּרעזידענט — י. ראָכלין, וויצע־פּרעזידענט א. סטאָן, קאַסירער — דר. שאַליט, סעקרעטאַר — מ. רייזעס. ווייטער: י. מאַלינסקי, ס. סלאַצקין, ע. יאַקאָבסאָן, ל. בערנער, ר. ראָטבערג, א. זאלמאנאָוו, מ. זעלטנער, צ. בערמאַן, א מאטש, דער ערשטער ביבליאָטעקאַר איז געווען ב. שאבין.

אין דעם ערשטן יאָר איז די פאַרוואַלטונג, וועמעס נעמען איך האָב שוין פריער דערמאָנט, באַשטאַנען פון מער ווי דריי פערטל קאָנסערוואַטיוון און דער לעצטער פערטל איז באַשטאַנען פון משכילים פון אַלטן שטייגער.

אין צווייטן יאָר האָט זיך די פאַרוואַלטונג צוזאַמענגעשטעלט אויף דעם פאָלגנדן אופן: פּרעזידענט — מ .זעלטנער, וויצע־פּרעזידענט — א. סטאָן, קאַסירער — דר. שאַליט, סעקרעטאַרין — מיס מ. זאכארין. אין ווייטערדיקן קאָמיטעט: ה. בראוו, ס. פרידמאַן, י. גאן, אהרן בר־כהן, ל. לאוו, א. ניומאַרק, ס. פּרעס, א. ריטשאַרדסאָן, ר. ראָטבערג, נ. טאָפּט; פאַר וועמען די נעמען זענען נישט בלויז נעמען — וועלן באַמערקן, אַז דאָס כוחות פאַרהעלטעניש האָט זיך שוין אַ רוק געטאָן און עס האַלט שוין ביי האַלב אויף האַלב אין די קאָלירן...

אין דריטן יאָר איז דער קאָנסערוואַטיווער עלעמענט נאָך שוואַכער געוואָרן. אין יענעם יאָר זענען אריין אין דער פאַרוואַלטונג די פאָלגנדע פּערזאָנען: מ. זעלטנער — פּרעזידענט, מ. טאָפּט — וויצע־פּרעזידענט, דר. מ. שאַליט — קאַסירער, סעקרעטאַר — י. רייזעס. אין קאָמיטעט: דר. ד. ראָזענבערג, י. ווייט, י. גאן, א. ריטשאַרדסאָן, א. זאלמאנאָוו, א. ניומאַרק, ז. פּרעס, א. בר־כהן, ה. הויזדאָרף־הויזי, א. מאַץ; דער ראַדיקאַלערער עלעמענט איז שוין באַדייטנדיק פאַרגרעסערט.

ווי געוויינלעך איז עס נישט צוגעגאַנגען אַזוי גלאַטיק ביי דעם דאָזיקן יערלעכן טויש פון די פאַרוואַלטונגען. עס איז דאָ צוגעגאַנגען זייער שאַרף אויף די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען — וועלטן האָבן זיך געקערט. אַמאָל איז מען יאָ פאַרטיק געוואָרן פאַרטאָג... און אַמאָל האָט מען געמוזט די פאַרזאַמלונג אָפּלייגן אויף נאָך אַ טאָג. די יאַהודים האָבן געצויגן אויף זייער זייט און די אהודיש־אָריענטירטע נאָכלויפערס האָבן געהאָלפן ציען. זיי האָבן דורכאויס געוואָלט האָבן די „קדימה“ אונטער זייער איינפלוס, אונטער דעם איינפלוס פון די ראַביים. ביכער און צייטשריפטן זאָל מען באַשטעלן וואָס מער ענגלישע און בכלל דינען ווי אַן אַנגליזירנדיקע, אין קולטורעלן זינען, אינסטיטוציע — ווי דער פאַרעלטערטער שטייגער. דער אַנדערער טייל האָט ווידער געשטרעבט צו באַפרייען זיך דווקא פון דעם דאָזיקן פאַרעלטערטן גייסט און צו פירן די „קדימה“ אויף מאָדערן־יידיש־נאַציאָנאַלע און פאָלקסטימלעכע וועגן. דער דאָזיקער טייל פון דער מיטגלידערשאַפט האָט איינגעזען, אַז דאָס גיין מיט די יאַהודים הייסט פאַרקויפן די בכורה פאַר אַ טאָפּ לינזן. און עס איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף פאַר: אויס שידוך! האָט אָבער דער אַנדערער צד נישט אַזוי גרינג געוואָלט ארויסלאָזן די ממשלה פון די הענט. געציטערט האָבן זיי, אַז טאָמער וועלן זיי אויפהויבן זייערע הענט פון דער „קדימה“, וועט חלילה גאָט וויסט ווי פאַריידישט ווערן און אפשר — די שעה זאָל נישט זיין — גאָר רעוואָלוציאָנערער.

כוואַליע אַרויף און כוואַליע אַראָפּ איז אַזוי אָנגע־

שידענע ליטעראַרישע און אַלגעמיין ידישע טעמעס האָבן יעדעס מאָל צוגעצויגן הונדערטער צוהערער. דער זאַל פון „קדימה" וועלכער האָט אָפיציעל 400 פלעצער, פלעגט אריינגעמען איבער 600 צוהערער. אייניקע מאָל האָט מען אַראַנזשירט פאַט׳ס לעקציעס אין גרעסערע זאַלן אין צענטער פון מעלבורן, אָדער אויף דער דרום זייט פון דער שטאָט.

פאַט׳ס באַזוך אין אויסטראַליע איז פאָרגעקומען כמעט ערב דער 1956 מלחמה צווישן ישראל און עגיפּטן. מען האָט שוין דאַן געפילט, אַז עפּעס וועט פאָרקומען. האָט יעקב פאַט — דער אַמאָליקער פירער פון „בונד", די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, די שאַרפסטע אידעאָלאָגישע קעגנערין פון ציוניזם, דערקלערט אויף אַ פאַרזאַמלונג וועלכע ער האָט אַדרעסירט אין אַסעמבליי האָל: „ווען חס וחלילה טרעפט זיך אַ חורבן בית שלישי אין ישראל, האָב איך ניט צוליב וואָס צו לעבן". אָפּטמאָל, אין זיינע לעקציעס, פול מיט וויסן און טיפע געדאַנקען, האָט פאַט באַוויזן ווי שאַרף האָט זיך געביטן די שטעלונג פון אַ קעגנער, ווייל די ווירקלעכקייטן אין לעבן האָבן זיך געביטן. דאָס האָט באַוויזן די גרויסקייט און טיפקייט פון אַ דענקער און איבערגעגעבענעם ייד, ווי יעקב פאַט איז געווען.

אין יאָר 1957 האָט באַזוכט אויסטראַליע דב־בער מאַלקין פון ישראל, אויך אויף אַן איינלאַדונג פון דער „קדימה". עס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט ביז ער האָט באַקומען די נויטיקע וויזע פון דער אויסטראַלישער אַמבאַסאַדע אין ישראל. האָט ער טעלעגראַפירט, פאַרלייגנדיק אָפּצולייגן דעם באַזוך אויף אַ יאָר שפּעטער, ווייל אויב ער קאָן נישט קומען פאַר ראש השנה, ווערט די צייט ניט פּאַסיק, צוליב לאָקאַלע סיבות. האָב איך געענטפערט טעלעגראַפיש, אַז אויב ער וועט נישט קומען אין משך פון צוויי וואָכן, וועט די „קדימה" זיין קאָמפּראָמעטירט און אפילו דיסקרעדיטירט, ווייל מיר האָבן שוין אָנאָנסירט זיינע לעקציעס און ער מוז קומען אָן קיין שום צווייפל. צו מאַכן א שטאַרקערן איינדרוק האָב איך געשריבן די טעלעגראַמע מיט ענגלישע בוכשטאַבן, אָבער אין דער העברעישער שפּראַך. אַ פּנים, דאָס האָט געווירקט אויף אים, ווייל מיט צען אָדער צוועלף טעג שפּעטער האָבן מיר געהאַט דעם פאַרגעניגן צו באַגעגענען אים אויף דעם מעלבורנער פלי־פעלד.

דב־בער מאַלקין׳ס באַזוך איז געווען דער גרעסטער און פיינסטער דערפאָלג, וועלכן די יידישע געזעלשאַפט אין אויסטראַליע האָט ווען עס איז דורכגעלעבט. צוויי רעפעראַטן אַ וואָך און ביי פול געפּאַקטע זאַלן. מען האָט אפילו געמוזט אַ פּאָר מאָל דינגען דעם פרעהערען טאָון־האָל, וועלכער נעמט אריין כמעט 1200 מענטשן און אַ סך האָבן געמוזט שטיין ביי די ווענט, ווייל עס זענען ניט געווען גענוג שטולן.

מען קאָן אָנווייזן צוויי סיבות דערפאַר: איינע — די פילפאַרביקע רשימה פון טעמעס פאַר די רעפעראַטן וועלכע האָבן אַפּעלירט צו מענטשן פון אַלע עלטער־גרופּעס און צווייטנס, דער אופן פון מאַלקין׳ס איבערגעבן די צוהערער זיינע געדאַנקען און דער נוסח פון זיין רייד.. די רעפעראַטן זענען געווען אויף ליטעראַרישע, יידישע און העברעישע טעמעס, ניי און אַלטע ליטעראַטור, טעאַטער־געשיכטע און אינהאַלט, דאָס זעלבע וועגן פילם־אַרטיסטן און שרייבער־דראַמאַטורגן, תנ"ך טעמאַטיק, אַלגעמיינע און בפרט יידישע געשיכטע, מענטשלעכע באַציאונגען און פיל אַנדערע. איין לעקציע איז געווען אין עברית אויך פאַר אַ פולן זאַל אין „בית וויצמאַן".

איך האָב געוווּסט פון דער קאָרעספּאָנדענץ מיט אים, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין מינסק. אָבער ווען מיר האָבן זיך באַקענט און שפּעטער געטיילט זיך מיט זכרונות, האָבן מיר אויסגעפונען, אַז מיר בידע זענען געווען דעלעגירט אויף דער אַל־רוסישער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין מאָסקווע, אין יאָר 1920.

אין יענע צייטן איז אין מעלבורן געווען שווער צו באַקומען אַ צימער אין אַ גוטן האָטעל, אָן אַ צוויי וואָכן לכל הפחות מעלדן. אזוי ווי מאַלקין׳ס קומען איז געווען מער־ווייניקער אָן צוגרייטונגען, האָט מען גענומען צייטווייליק פאַר אים א צימער אין אַ פּענסיאָן אין דיקענס סט., סט. קילדא. ווען איך בין אויף מאָרגן נאָך זיין קומען געגאַנגען זיך זען מיט אים, איז ער געלעגן אין בעט אַ פאַרקילטער. די ערשטע באַגריסונג פון אים איז געווען: „מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז דער זעלבער זאַיעזשי־דאָם ווו דו האָסט מיך באַזוכט אין יאָר 1919 אין סמאָלענסק".

צום סוף וויל איך פאַרצייכענען אַן אינטערעסאַנטע איבערלעבונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין 1966. ווי עס איז באַוווּסט, קומט פאָר אין אַדעליַיד, דרום אויסטראַליע, יעדעס צווייטע יאָר אַ פעסטיוואַל צו וועלכן מען לאַדנט איין פאַרשידענע אַרטיסטן, אָרקעסטערס, אָפּערעס, טעאַטראַלע טרופּעס און ענלעכע קונסט־גרופּן ווי אויך אינדיווידועלע פערזענלעכקייטן. צום פעסטיוואל אין יאָר 1966 איז אויך געווען איינגעלאַדן דער באַרימטער סאָוויעטישער פּאָעט יעווגעני יעווטושענקאָ, דער מחבר פון דער באַרימטער פּאָעמע „באַבי יאַר" וועלכע ער האָט געלייענט אויפן פעסטיוואַל.

צופעליק איז דאָרט געווען דער פרעזידענט פון „קדימה" פון יענעם יאָר, פריינד יעקב ריימער ז"ל און להבדיל לחיים זיין פרוי ליובע. פריינד ריימער איז געווען זייער איבעראַשט און האָט איינגעלאַדן יעווטושענקאָן אַרויסטרעטן אין מעלבורן אויף אַ ספּעציעלן אָוונט וועלכן די „קדימה" וועט אַראַנזשירן. יעווטושענקאָ און זיינע מארחים און מנהלים האָבן געמאַכט מיט ריימערן אַ פּאַסיקן קאָנטראַקט און דער אָוונט איז פאָרגעקומען מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער אין פעסטיוואַל האָל אין מעלבורן און די יידן זענען געקומען אין די טויזנטער.

אָבער נישט אַלץ איז געגאַנגען ווי יעווטושענקאָ און זיינע בעלי־בתים האָבן געטראַכט.

אמת, ער איז א גרויסער און באַרימטער פּאָעט, אָבער די פּאָעמע „באַבי יאַר" איז געווידמעט די הונדערט טויזנט יידן, דערמאָרדעט דורך די נאַציס. ווען די ס.ס. האָבן געפירט די יידן אויף זייער לעצטן וועג, האָבן זיי ניט געזונגען רוסישע לידער נאָר שטילערהייט געבעטן גאָט און מענטשן „שמע ישראל... ווו ביסטו גאָט... אל תעזבנו — פאַרלאָז אונדז ניט..." דאַרף די פּאָעמע רעציטירט ווערן אין דער יידישער שפּראַך. נישט קיין אַנדערע ווי די באַליבטע רחל האָלצער, אַ וועלט באַרימטע אַרטיסטין, וועלכע האָט פאַרלאָרן איר משפּחה און פריינד, דערנאָך וועט יעווטושענקאָ לייענען די פּאָעמע אין רוסיש און עמעצער אַנדערט אין דער ענגלישער איבערזעצונג. האָט יעווטושענקאָ בפירוש געזאָגט, „ניין"! האָט דער „קדימה"־קאָמיטעט געענטפערט: „אויב די פּאָעמע „באַבי יאַר" וועט ניט געלייענט ווערן אין ידיש, וועלן מיר אַנולירן דעם אָוונט". ווען דער פּאָעט האָט דערפילט, אַז מיר שפּאַסן ניט, איז ער מסכים געווען, און רחל האָלצער האָט רעציטירט „באַבי יאַר" אין ידיש. עס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער דערפאָלג. אפילו יעווטושענקאָ האָט אַרומגענומען רחל האָלצער און מיט טרערן אין די אויגן געקושט אירע ליפּן.

# 70 יאָר „קדימה" 1911—1981

ב. צ. פאַטקין

# זכרונות

(צווייטער טייל)

אין בוך HERITAGE & TRADITION (1972) האָב איך באַשריבן אין פרטי־פרטים די ראָל וואָס די „קדימה", ציוניסטישע באַוועגונג און די „דזשודעאַז ליג" האָבן געשפּילט אין רעאָרגאַניזירן די ידישע קהילה אין מעלבורן פון שטאַנדפונקט פון רעפרעזענטאַנץ. איך וויל נאָר פאַרצייכענען אין דעם אַרטיקל אַ פּאָר פאַקטן פון מיינע טאָגביכלעך. איינער איז, אַז „קדימה" איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך ווי וועלכע עס איז אַנדערע אָרגאַניזאַציע אָדער באַוועגונג צו מאַכן דעם „ועד הקהילה—באָרד אָף דעפיוטס" פאָלקסטימלעך און אין דעם זין — אַ מוסטער פאַר פיל אַנדערע ידישע קהילות.

„קדימה" איז איינע פון אַ קליינע צאָל ידישע אינסטיטוציעס אין דער ידישער וועלט, וועלכע באַמיען זיך אויפהאַלטן ידיש לשון און ידישע קולטור. איך ווייס ניט, וואָס וועט זיין מיט די אייניקלעך פון דעם ערשטן דור אימיגראַנטן, אָבער דעם קאַמף פאַר ידיש לאָזט מען ניט אָפּ.

איך בין געווען אַ מיטגליד אין „קדימה" זינט מיין קומען קיין מעלבורן אין יאָר 1929. געוואָרן אַקטיוו אין איר טעטיקייט אין יאָר 1953.

אין איינעם אין אַן אָוונט איז יאָר 1953, טעלעפאָנירט מיר פריינד סענדער בעורשטין און געזאָגט אַזוי: „פריינד פאַטקין, איך רייד צו אייך אין נאָמען פון מיטגלידער פון „קדימה"־קאָמיטעט און בעט אייך צו קאַנדידאַטירן צום קאָמיטעט אין די צוקונפטיקע וואַלן, וועלכע דאַרפן פאָרקומען אין אייניקע וואָכן אַרום. בפרט האָט מיך געבעטן צו רעדן מיט אייך יהודה האָניג". איך האָב געענטפערט: אַ שיינעם דאַנק פאַר דעם כבוד און די איינלאַדונג, אָבער צום באַדויערן קאָן איך דאָס ניט אָננעמען, ווייל איך בין טעטיק אין זעקס אָדער זיבן קאָמיטעטן און עס איז פשוט פיזיש אוממעגלעך אריינגיין אין מער קאָמיטעטן, ווייל אויב איך נעם אָן אַן אַמט, מוז איך אַרבעטן און איך האָב נישט מער ווי 24 שעה אין מעת לעת. האָט מיך בורשטין געפרעגט: „ווייסט איר פריינד פאַטקין, אַז די קאָמוניסטן ווילן פאַרכאַפּן די „קדימה", און איר וועט שטיין אָן אַ זייט?" — אויב אַזוי, האָב איך געזאָגט, וועל איך קאַנדידאַטירן און מיט פאַרגעניגן אריין אין קאָמיטעט, אויב מען וועט מיך אויסוויילן.

דעם 13־טן אויגוסט 1953 בין איך צום ערשטן מאָל אויסגעוויילט געוואָרן אַלס אַ קאָמיטעט־מיטגליד אין „קדימה" און אין די קומענדיקע כמעט 15 יאָר בין איך געווען טעטיק אַלס מיטגליד פון קאָמיטעט, וויצע־פרעזידענט און דריי יאָר אַלס פרעזידענט.

איך שרייב די שורות על סמך פאַרשידענע דאָקומענטן אין מיין אַרכיוו, און אויך מיין אייגענעם זכרון און איך וויל באַמערקן, אַז אין משך פון איבער 64 יאָר אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אויף פיל געביטן, זענען די פופצן (אויב איך האָב ניט קיין טעות) יאָר געווען געבענטשטע מיט אינערלעכער באַפרידיקונג, צוליב אַ סך טעמים. דער וויכטיקסטער טעם איז געווען, אַז יעדער מיטגליד פון קאָמיטעט און אָפטמאָל, נישט פון קאָמיטעט האָט באַוויזן איניציאַטיוו און ווילן צו רעאַליזירן די באַשלוסן פון קאָמיטעט.

די יאָרן ווען איך בין געווען וויצע־פרעזידענט און בפרט פרעזידענט פון דער „קדימה" ווי אויך די יאָרן אַלס קאָמיטעט־מיטגליד, אין פאַרגלייך מיט עטלעכע צענדליק פריערדיקע און שפּעטערדיקע יאָרן, זענען געווען שווערע, אָבער פרוכטבאַרע, צוליב צוויי וויכטיקע פּאַסירונגען, אָדער בעסער געזאָגט אַנטוויקלונגען: 1) דער באַשלוס אריבערפירן די „קדימה" פון קאַרלטאָן ערגעץ ווו דרום פון דער יאַראַ; 2) אַראָפּברענגען פון מחוץ אויסטראַליע, פרעלעגענטן, 3) צוזאַמען מיטן דוד הערמאַן טעאַטער קרייז, אַראָפּברענגען אַרטיסטן און רעזשיסערן, בפרט פון ישראל.

עס איז אַ באַוווּסטער פרינציפּ, אַז אַ אינסטיטוציע איז נישט אָפּהענגיק פון אַ פערזאָן אָדער פערזאָנען. אָבער ווען אַ פאַסיקער, איבערגעגעבענער סעקרעטאַר פון אַן אינסטיטוציע איז פאַרבונדן מיט איר אין דער ריכטיקער צייט, איז דאָס אַ ברכה פאַר דער אינסטיטוציע. אַזוי איז געווען כמעט אַלע מאָל מיט דער „קדימה". בפרט איז אַזוי געווען אין צייט פון מיין קאַדענץ ווען לאָווע פרידמאַן איז געווען דער סעקרעטאַר. זיין גוטער ווילן, אינטעלעקט ווי אויך אינטעליגענץ, אַ סך שכל־הישר און אויך איבערגעגעבנקייט צו דער אינסטיטוציע און פערזענלעכע פריינדשאַפט צו יעדן איינעם, איז געווען אַ מזל ברכה פאַר די, וועלכע האָבן געהאַט דעם נחת רוח צו אַרבעטן מיט אים ווי אויך פאַר אים אליין.

אַ וויכטיקע און אַ גרויסע אונטערנעמונג איז געווען, דער „משפט איבער דער יוגנט". עס זענען געווען: פראָקוראָן, פאַרטיידיקער, שופטים, עדות און באַשולדיקטע. מען האָט פלאַנירט, קודם כל אויף איין זונטיק אָוונט. דער זאַל איז געווען געפּאַקט. מען איז געשטאַנען ביי די ווענט, אין אריינגאַנג, מען האָט זיך געזעצט אויף דער בינע. אנשטאָט איין זונטיק אָוונט, האָט זיך דער „משפט" פאַרצויגן אויף צוויי זונטיקן. די מאָטיוואַציע פון דעם אָוונט איז געווען אויסגעפינען אין אַן אָפענעם „משפט" די טראַגעדיע פון אַסימילאַציע און באַווייזן דער עפנטלעכקייט, אַז עם־הארצות אין ידיש וויסן איז די שטאַרקסטע און וויכטיקסטע סיבה פון דער קראַנקהייט.

איך ווייס ניט וואָס זענען געווען, אויב ס'זענען געווען, די מיטלען, וועלכע די פאַראַנטוואָרטלעכע פערזאָנען און געהעריקע אינסטיטוציעס האָבן אָנגענומען, אָבער איך ווייס, אַז די ידישע חינוך אינסטיטוציעס פון יענע צייטן האָבן יאָ אָנגענומען מיטלען צו פאַרבעסערן זייער טעטיקייט. על כל פנים, דער „משפט" האָט איבערגעלאָזן שטאַרקע איינדרוקן אויף אַלע וועלכע האָבן אים בייגעוווינט.

דער ערשטער פון אַ לאַנגער רשימה פרעלעגענטן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן באַזוכן אויסטראַליע אַלס געסט פון דער „קדימה", איז געווען יעקב פאַט, אַן אַלטער געזעלשאַפטלעכער טוער פון פוילן, וועלכער האָט עמיגרירט קיין אמעריקע אין 1938 ווו ער האָט פאָרגעזעצט זיין פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, אָנגעהויבן אין פוילן אָנהויב פון 20־טן י. ה.

פאַט'ס באַזוך אין אויסטראַליע איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג און די הצלחה פון זיינע לעקציעס אויף פאַר־

וועלט. ס'האָט זיך געביטן די סאָציאַל־עקאָנאָמיש סטרוקטור, די גייסטיקע און מאָראַלישע פיזיאָגנאָמיע. און אונדז קומט פאָר, אַז אין אָט דער קאַרדינאַל־געביטענער סטרוקטור, פון דער וועלט און פון יידן אין איר, קען דער גייסטיקער מצב פון יידן נישט זיין אַנדערש ווי ער איז — און עס וועט מוזן ווערן ערגער, יידישלעך, אויב די וועלט וועט זיך באַוועגן אויף דער זעלבער ליניע ווי ביז איצט. (עס איז הערפאַר נישט קיין ווילדע פאַנטאַזיע, וואָס מען זאָגט איצט, אַז אין נאָענטסטע צוויי צענדליק יאָר וועט דער אַמעריקאַנער יידישער ישוב רעדוצירט ווערן צו צוויי מיליאָן באַוווסטזיניקע, ווירקליקע יידן. דאָס זאָל געשען צוליב דער אַקטיווער אַסימילאַציע און פאַסיווער אָפּפרעמדונג און אַפּאַטיע צו יידישקייט).

✶

נאָר יידיש גייט אונטער? מיר וועלן נעמען, ווידער נאָר איין ביישפּיל. און ווידער פון דעם וואָס אונדז איז נאָענט: ווו זענען די שעפערישע קרעפטן, יידישע, אין דער ליטעראַטור, אין פרעמדע שפּראַכן? צווישן ביידע וועלט מלחמות האָבן יידישע שרייבערס פאַרנומען אַ גרויסע און חשובע פּאָזיציע אין דער ליטעראַטור פון אייראָפּע, בעיקר אַזוי אין דייטש. אויך אויף ענגליש, באַזונדערס אין אַמעריקע, האָבן די קינדער פון די אָרעמע אימיגראַנטן (דערצויגענע אין יידיש־רעדנדיקע היימען) באַרייכערט די ליטעראַטור, ביז דערגיין צו די סאַמע ערשטע פּאָזיציעס פון טאַלאַנט און שעפערישקייט. גענוג צו דערמאָנען נאָר עטלעכע נעמען: שאול בעלאָ, בערנאַרד מעלאַמוד, אירווינג האַווי, אַלפרעד קאַזין, פיליפּ ראָטה, ליאָנעל טרילינג, הערמאַן וווק, חיים פּאָטאָק, אַרטור מילער.

קען אימיצער היינט אָנרופן אַ גרויסן יידיש־ענגלישן שרייבער אויך פון דעם צווייטן און דריטן דור געבוירענע אין אַמעריקע? איז דאָס נישט דער בעסטער באַווייז, אַז נאָר האָבנדיק וואָרצלען אין אַ יידישער פאָלקס־סביבה האָט געקענט אויפקומען אויך ליטעראַטור, שעפערישע מענטשן, וואָס זייער אָפט האָבן זיי טאַקע אויך געשעפּט זייערע „טעמעס" פון אָט דער סביבה אין וועלכער זיי זענען אויפגעקומען, און אָפט טאַקע אויך פון זייער קענטשאַפט פון יידיש (אויב אַפילו מיר האָבן נישט אַלע מאָל מסכים געווען מיט דעם ווי זיי האָבן געשילדערט דעם דאָזיקן יידישן לעבן).

אָן אַ פאָלקס־איינהייט, אַפילו ווען דאָס איז אין גלות און אָן נאַציאָנאַלע צילן, איז נישטאָ, און קען נישט זיין, קיין שעפערישקייט — אויך נישט אין דער אַלגעמיינער לאַנד־שפּראַך. (סיידן דער מענטש גייט אַדורך אַ פּראָצעס פון טאָטאַלער אַסימילאַציע, גיסט זיך אַריין אין אַן אַנדער פאָלקס־איינהייט. אָבער דאָס איז אַ לאַנגער פּראָצעס — און דאַן איז אַזאַ שוין געוויס נישט קיין יידיש־שעפערישער מענטש).

✶

עס לעשן זיך אויס די לעצטע נאָך־גלימערנדיקע פונקען פון אַ יידישע וועלט, וואָס מיר, די יידיש־יידן, זענען אירע לעצטע געדענקערס און דערמאָנערס. איבער אונדז הויערט און שיינט דער אומעטיקער אָרעאָל פון לעצטקייט — וואָס איז אָבער אויך דערהויבנקייט און זכות.

דער יידיש־ייד טראָגט אין זיך אַ וועלט, וועלכע איז געווען רייך אין איר אָרעמקייט: שיין, דערהויבן, פול מיט אַ וועלט וואָס איז געווען כולו יידיש. און דאָס גוטע און גלויבן און מיט חלום, אידעאַליסטיש מיט שטרעבונגען — שיינע, וואָס די נייע קהילות פאַרמאָגן נאָך — אַריינגערעכנט אויך, דערווייל, מדינת ישראל — זענען די ירושה פונקען פון אָט דער וועלט. (און ווי שטאַרק איז היינט די בענקשאַפט, פון די ווייניקע פאַרשטענדיקערע יידן פון די יונגע דורות, צו קענען אָט די פאַרגייענדיקע וועלט!).

מיר האָבן די דאָזיקע וועלט געקענט.

די וועלט פון יידיש־יידן איז אַ סך רייכער. עס פאַרבינדט אונדז מיטן בעל שם טוב און מיטן ווילנער גאון, מיט ר' נחמן בראַצלאַווער און מיט ר' ישראל סאַלאַנטער. עס איז די וועלט פון אַ גרויסער, שיינער ליטעראַטור, וואָס האָט געגעבן אויסדרוק, אין פּאָעזיע און פּראָזע, צו אַלע ניואַנסן פון יידישן לעבן, פון זיין יום טוב און וואָך, טרויער און פרייד, פון סאָציאַלע קאַמפן און גאולה־בענקשאַפט. יידיש איז דער ניגון פון אַלע ישיבות אויך היינט, און אויף יידיש האָבן געזונגען יידישע רעוואָלוציאָנערן אין צאַרישע תפיסות. אין יידיש איז געשריבן געוואָרן דער הימן פון יידישע פּאַרטיזאַנער, און אין יידיש האָבן גערופן בראַצלאַווער חסידים אין וואַרשעווער געטאָ: „גוואַלד, יידן, זייט זיך נישט מיאש".

יידיש איז נישט נאָר אַ שפּראַך. עס איז טויזנט יאָר יידיש לעבן — וואָס רופט זיך איבער און פאַרבינדט זיך מיט דער גאַנצער יידישער געשיכטע.

יידיש־יידן טראָגן אָט די וועלט אין זיך.

בלוט־אָרעם, פאַראיינזאַמטע, אָפט אויך פאַרשעמטע, איבערגעציטערטע פאַר דאָס וואָס עס וועט ברענגען די צייט — אָבער אויסדערוויילטע אין אונדזער זכות. רייכערע אין יידישן וויסן. שטאַרקער אין די וואָרצלען.

אַזוי לאַנג ווי עס איז באַשערט, לאָמיר טראָגן די דאָזיקע גרויסע ירושה פון מזרח אייראָפּעאישן יידישן פאָלק — מיט אחריות און מיט שטאָלץ.

---

„געשיכטע — דאָס איז פּאָליטיק
אין דער פאַרגאַנגענהייט.

פּאָליטיק — דאָס איז די
היינטצייטיקע געשיכטע".

**דזשאָן סעללעי**

ענגלישער היסטאָריקער פון 19טן י. ה.

---

לעצטע טריט — וואָלטן מיר געוויס עס געדאַרפט אונטערבעטן מיט געוואַנט. ווייל ווידער: נישט אַ שפּראַך פאַרגייט, נאָר אַ גרויסע תקופה אין דער ייִדישער געשיכטע שליסט זיך אין שטילע אַקאָרדן.

אָבער די גרויסע מערהייט ייִדן זענען געפּיללאָזן. זיי פאַרשטייען נישט און באַנעמען נישט וואָס עס געשעט צו ייִדיש — אַזוי ווי זיי האָבן נישט פאַרנומען, אין דער גאַנצער טיפקייט, די גרויליגע טראַגיק פון דעם ייִדישפאָלק, וואָס איז פאַרויסגעגאַנגען זיין לשון.

✶

די וויסנשאַפט ווייס, אַז „שפּראַך מאָדעלירט די מענטשלעכע מחשבה". אַ לשון פון אַ פאָלק איז נישט נאָר אַ געצייג פאַר אַ גרופּע מענטשן זיך צו פאַרשטיין. שפּראַך איז כאַראַקטער פון אַ פאָלק. ייִדיש האָט אויסגעדריקט דעם כאַראַקטער און די כאַראַקטעריסטיק פון דער מזרח־אייראָפּעאישער עפּאָכע, ווו ייִדן האָבן געלעבט ווי אַ פאָלק. הייַנט לעבן נישט ייִדן ווי אַ פאָלק, אין קיין איין אָרט פון גלות. במילא דאַרפן זיי אויך נישט, און האָבן נישט, קיין אייגן לשון. פאַראַן קהילות, באַזונדערע גרופּן און כיתות וועלכע האַלטן אָן שוואַכע פאַרבינד־פעדעם, בעיקר דורך פּראָפעסיאָנעלע עסקנים, און וועגן אַ צאָל ענינים, פּראָבלעמען פון אַ צייטווייליקן כאַראַקטער, ווי הילף פאַר ישׂראל אָדער דער מצב פון ייִדן אין סאָוויעטן פאַרבאַנד. קיין איינהייטלעכער ייִדישער פאָלקס־מאַסיוו, ווי דאָס איז געווען אין מזרח אייראָפּע, איז הייַנט נישטאָ אין קיין איין לאַנד פון גלות. אַזוינס שטעלט אויך נישט פאָר דער גרויסער קאָנגלאָמעראַט פון ייִדן אין צפון אַמעריקע.

אין אָט די פאַרשיידענע קהילות, צווישן זייערע גרופּן און סעקציעס, זענען אויך פאַראַן אַזעלכע וועלכע האַלטן זיך ביי ייִדיש. דאָס זענען פאָלקס מענטשן, וועמענס לשון איז ייִדיש. און דאָס זענען באַשיידענע אינטעלעקטואַלע גרופּעס, וועלכע זענען אַליין הערגעגאַנגען צו ייִדיש. און דאָס זענען, בעיקר, רעליגיעזע כיתות, פאַר וועמען ייִדיש איז אַ וויכטיקער טייל פון זייער גאַנצער הנהגה. אָבער „די ייִדישע וועלט" אין גלות מאַכט אַדורך דעם זעלבן פּראָצעס וואָס דאָס ייִדישע לשון.

דאָס רוב ייִדישע מענטשן אין די פרייע קהילות זענען אָן פאַרגלייך רייכער מאַטעריעל און מיט וועלטלעכער קולטור, ווי דאָס זענען געווען ייִדן אין מזרח אייראָפּע. אָבער וואָס שייך ייִדישקייט, אין אַלע אירע אויסדרוקס־־פאָרמען, שרעקלעך אָרעם. ווייל זיי האָבן נישט קיין אחדות, קיין אַנהאַלט אין דער פאַרגאַנגענהייט פון פאָלק. און אָן אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיט עבר, וואָס שפּראַך איז דער סאַמע בעסטער מעדיום צו טראַנספערירן די פאַרגאַנגענהייט, איז אויך נישטאָ קיין היסטאָרישע באַזע צו בויען אַ פאָלקישע צוקונפט.

עס זענען אויפגעקומען צוויי דורות אָן ייִדיש. אַ קאָנטיקער טייל האָבן אַ וועלכע אַקאַדעמישע בילדונג, און האָבן אַפילו דערגרייכט פאַרשריט אין זייערע באַרופן און פּאָזיציעס. אָבער וואָס שייך גייסטיקע ייִדישקייט זענען עס דורות פון אַנאַלפאַבעטן: עם הארצים מיט אַ דיגרי, נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין, פאָלקס־אינטערעסן, אָן אינטימע באַציאונג צו ייִדישע פּראָבלעמען. דאָס איז, חוץ ביי קלייַנע אויסנאַמען, נישט פאַראַן: אַפילו נישט צוליבן אַקאַדעמישן אינטערעס, צו וויסן די געשיכטע פון אייגענעם שטאַם און אָפּשטאַם.

✶

עס איז גענוג צו טאָן אַ קוק אויף דער פירערשאַפט פון די מערהייט קהילות און ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס זייערע, און אַפילו אין די גרויסע קיבוצים. אַמאָל, ווען די דאָזיקע קהילות האָבן זיך געהאַלטן ערשט אין פאָרמירן, האָבן די אָנפירנדיקע פּאָזיציעס פאַרנומען די שענסטע, חשובסטע מענטשן פון יעדער לאַנד און אָרט. אין די גרויסע קיבוצים, ווי אין אַמעריקע, האָבן געלויכטן גרויסאַרטיקע פערזענלעכקייטן, די שיף׳ס, די וואַרבורגס, סטיפאַן וויַיז, אבא הלל סילווער, עמנואל ניומאַן, פעליקס פראַנקפורטער, לואיס בראַנדעס — נאָר צו דערמאָנען די וועלכע קומען לייכט אויף אין זכרון. הייַנט איז אין אָט דעם זעקס מיליאָניקן ישוב נישטאָ קיין איין נאַציאָנאַלע ייִדישע פערזענלעכקייט (און עס איז, לײדער, אַזוי גוט ווי נישטאָ אויך אין ישׂראל) צו וועלכן מ׳זאָל קענען, און דאַרפן אַרויפקוקן: אויף וועלכן מען זאָל דאַרפן זאָגן „כזה ראה וקדש", דאָס איז דער פאַרבילד און שטאָלץ אין דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט.

פאַראַן צענדליקער טויזנטער ייִדישע אַקאַדעמיקער און אינטעלעקטואַלן. אָבער די ציוניסטישע באַוועגונג האָט אַזוי גוט ווי נישט באַוויזן צו אַקטיוויזירן אַפילו אַ הייפעלע פון זיי. כמעט אומעטום זענען אין דער אָנפירונג פון ציוניזם גוטע, פיינע מענטשן געווים, אָבער אָן גייסטיקער השפּעה, וואָס זאָל זיין אַ פּראָדוקט פון זייער איבּטעלעקטועלער פּאָזיציע.

✶

מיר האָבן דעם ציוניזם דאָ גענומען ווי אַ משל וועגן דעם גאַנצן מצב און געשטאַלטונג פון די ייִדישע קהילות הייַנט: און מיר האָבן גענומען דעם משל פון ציוניזם, ווייל גראָד די אידייע האָט דאָך אָפּגעהאַלטן אַזאַ גרויסן נצחון און האָט געדאַרפט באַגייסטערן נייע, שעפערישע כוחות אָבער דאָס געשעט נישט, ווייל עס איז נישטאָ קיין פאָלק, ווייל עס פעלן די פאָלקישע מאַסן.

די מאַטערנדיקע לאַגע פון ייִדיש איז נאָר אַ רינגעלע אין אָט דער קייט פון דעם וואָס עס איז מער נישטאָ קיין פאָלק אין גלות.

לאָמיר זיך איילן צוצוגעבן, אַז עס איז נישט קיין געקלאָג אויף דעם וואָס דאָס ייִדישע לעבן אין די תפוצות האָט אָנגענומען גאָר אַנדערע פאָרמען, וועלכע האָט נישט קיין בריק און פאַרבינדונג מיטן גאַנצן גאַנג פון דער ייִדישער געשיכטע ביז איצט. עס איז פּראָדוקט, אָט די ביי־טונג, פון אַ גאַנצע ריי כמעט רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען אין דער פרייער וועלט און פון ייִדן אין אָט דער

לוי שאַליט

צוגעשיקט פון מחבר

# מיר, די אויסדערוויילטע

אַלע ווייסן די לאַגע אין וועלכער יידיש געפינט זיך. ס'האָט נישט קיין זין דאָס צו פאַרשטעלן, צו וועלן עס באַהאַלטן. ס'איז אַ סך גלייכער און שענער צו וועלן דאָס פאַרשטיין.

אָבער ניט אַלע פאַרשטייען, אַז דאָס איז ניט נאָר דער מצב פון אַ שפּראַך. מיטן צאַנקען פון יידיש לעשן זיך אויך די לעצטע גלימערדיקע פונקען פון אַ גרויסער תקופה אין דער ידישער געשיכטע — די עפּאָכע פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום.

עס האָט אַנדערש נישט געקאָנט זיין, אָדער אפשר גאָר נישט געטאָרט זיין. וויבאַלד דער דאָזיקער יידנטום איז אומגעבראַכט געוואָרן, קען אויך זיין לשון נישט בלייבן לעבן.

אַ פאָלקס־שפּראַך איז נישט קיין מעכאַנישער אינסטרו־מענט. עס האָט נשמהדיקע קוואַליטעטן, איינגעזאַפּטע פון אירע באַנוצערס. און אַמאָל דוכט זיך אונדז, אַז יידיש וויל נישט לעבן, זי איז אַזוי ווי אַ געליבטע, וואָס גייט נאָך איר געליבטן, וועלכער איז אומגעקומען.

העגעל האָט געלערנט, אַז עס איז פאַראַן אַן איינגע־בויטע אָביעקטיווע לאָגיק אין דער וועלט. עס וואָלט געווען דערפאַר איבער די לאָגישע געזעצן פון דער נאַטור, אַז יידיש זאָל לעבן און לאַכן, ווען די מיילער פון אירע ריידערס זענען פאַרשטומט געוואָרן, די אויגן פון אירע לייענערס פאַרמאַכט געוואָרן. עס איז דאָס וואָס די גמרא זאָגט: **„מען קען נישט אָפּהאַקן דעם קאָפּ פון אַ מענטשן און אים זאָגן: גיי לעב״.**

ווען אַלע זאָלן דאָס פאַרשטיין, וואָלטן מיר — צו זאָגן מעטאַפאָריש — געפּאַלן כורעים פאַר יעדער צאַנקענדיקן יידיש־פונק. מיר וואָלטן געקושט דעם זוים פון יידיש, דעם שטויב פון אירע טריט. און אויב דאָס זענען אירע

---

און נעאָ־נאַציזם. דעם זעלבן טאָג איז פאָרגעקומען אַ טרעפונג אין בנין פון דער כנסת, מיט די דעפּוטאַטן, וועלכע שטאַמען פון דער שארית הפליטה. פעדער, שי־ליאַנסקי, חייקע גראָסמאַן, אַ ספּעציעלע הזכרה איז פאָר־געקומען פאַר די פאַרשניטענע אַנדערהאַלבן מיליאָן יידישע קינדער. דעם לעצטן טאָג פון צוזאַמענקום איז ביים כותל המערבי פאָרגעקומען אַ פייערלעכער צוזאַמענטרעף. די שלוס־צערעמאָניע פון איבערגעבן די צוואה פון שארית הפליטה, דעם צווייטן דור האָט דורכגעפירט דער פרעמיער מנחם בעגין, וועלכער האָט גערעדט אין יידיש. אַ טאַטע און אַ זון פון דער שארית הפליטה, וועלכע לעבן היינט אין ישראל האָבן געלייענט די צוואה אין עטלעכע שפּראַכן. דער פאָרשטייער פון דער מעלבורנער דעלעגאַציע, א. זשעלעזניקאָוו האָט גערעדט וועגן דער באַדייטונג פון דער צוואה. דער איינדרוקספולער אָוונט האָט זיך פאַר־ענדיקט מיט אָנצינדן טויזנטער ליכט פאַר די אומגע־קומענע משפחות.

✶

נאָכן גרויסן צוזאַמענטרעף פון איבער פינף טויזנט געראַטעוועטע פון די נאַצי לאַגערן זענען פאָרגעקומען אַ גאַנצע ריי טרעפונגען פון פאַרשידענע לאַנדס־מאַנ־שאַפטן אין ישראל מיט זייערע לאַנדסלייט. דער וועלט פאַרבאַנד פון קאַצעטלער און געטאָ־קעמפער אין ישראל האָט אָרגאַניזירט אַ טרעפונג פון פאָרשטייער פון אַלע קאַצעטלער פאַרבאַנדן.. אָנגעשלאָסענע אין ישראלדיקן די אָרגאַניזאַטאָרן פון וועלט צוזאַמענטרעף, די פריינד פון די פּראָיעקטע שטאַטן בנימין מיד, זבאַראַווסקי, מישעל האָבן באַריכטעט וועגן פאַרלויף פון צוזאַמענפאָר און וועגן ווייטערדיקע פּלענער פון אַרבעט. די אַמעריקאַנער פאָר־שטייער האָבן איבערגעגעבן וועגן אַ פּראָיעקט פון שאַפן אַ אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון צווייטן דור, וועל־כע וועט דאַרפן פאָרזעצן די טעטיקייט פון זייערע על־טערן אויפן געביט פון קאַמף קעגן נאַציזם, אַנטיסעמיטיזם אין זייערע לענדער. אין דער דיסקוסיע וועגן צוזאַמענפאָר אין ירושלים האָט די ישראלדיקע אָרגאַניזאַציע שטאַרק קריטיקירט די אָרגאַניזאַטאָרן פון די פּראָיעקטע שטאַטן, פאַר ניט פאַרבעטן זייערע אָרגאַניזאַציעס אָנטייל צו נעמען אין צוזאַמענפאָר; דאַקעגן אַ קליינע צאָל ישראלדיקע פּערזאָנען. געוויסע פאָרשטייער האָבן באַשולדיקט די אָר־גאַניזאַטאָרן, פאַר נישט דערלויבן חייקע גראָסמאַן רעדן ביי דער אָפּשלוס־פייערונג, ביים כותל המערבי*).

דער וועלט פאַרבאַנד פון קאַצעטלער, פּאַרטיזאַנער און קעמפער אין ישראל האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, ווען טויזנטער אויסלענדער זענען געווען אין לאַנד, כדי איינצואָרדענען אַ גרויסע מאַניפעסטאַציע אין לוד. דער שטאָט־ראַט פון לוד האָט אויפן פאָרשלאַג פון וועלט־פאַר־באַנד, אָנגערופן אַ גאַס אויפן נאָמען פון קדוש שמואל מרדכי זיגעלבוים (אַרטור).

מיט רעדעס זענען אַרויסגעטראָטן שלום גראָיעק, מ. אפרת, פּרעזידענט פון שטאָט־ראַט ליס, באַביץ פון אַרבעט־טער רינג און דער ברודער פון אַרטור זיגעלבוים פּיוול. אַלע רעדנער האָבן אונטערגעשטראָכן זיין העראָאיזם, זיין לעבן און דעם קאַמף, וואָס ער האָט געפירט פאַר העלפן די פּוילישע יידן.

*) פון די אויפקלערונגען איז אַרויסגעדרונגען, אַז דאָס האָבן די רעליגיעזע יידן נישט דערלאָזט ח. ג. רעדן ביים כותל, ווייל זי איז אַ פרוי.

וו. יאַבלאָנסקי

# דער צוזאַמענפאָר פון שארית הפליטה אין ישראל

די יידישע בריגאַדע פון ארץ ישראל, וועלכע האָט געקעמפט אין אייראָפּע קעגן נאַציזם אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה (ווי אַ טייל פון דער ענג־לישער אַרמיי) האָט באַפרייט פיל יידן פון די קאָנצענטראַ־ציע־לאַגערן אין דייטשלאַנד.

די לעבן געבליבענע פון דער ישראל בריגאַדע זענען געווען די איניציאַטאָרן פון צוזאַמענרופן אַ וועלט־קאָנפע־רענץ, פון די געראַטעוועטע פון די לאַגערן. דער וועלט פאַרבאַנד פון קאַצעטלער, פאַרטיזאַנער און קעמפער קעגן נאַציזם אין ישראל האָט אין פּרינציפּ אונטערשטיצט אַזאַ צוזאַמענטרעף. ווען דער פּלאַן איז געוואָרן באַהאַנדלט דורך די ישראלדיקע קאַצעטלער אינסטאַנצן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַזאַ אונטערנעמונג איז פאַרבונדן מיט הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן. דער פּלאַן האָט פאָרויס־געזען, אַז די צאָל אָנטיילנעמער פון אויסלאַנד וועט באַ־טרעפן פון 4 ביז 5 טויזנט. די ציפער פון אָנטיילנעמער האָט איבערראַשט די ישראל אינסטאַנצן. עס איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די גרעסטע צאָל אָפּגעראַ־טעוועטע געפינען זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע זענען אָנגעשלאָסן אין די דאָרטיקע קאַצעטלער פאַרבאַנדן. די פירער פון די קאַצעטלער פאַרבאַנדן האָבן באַשלאָסן, אַדורכצופירן דעם צוזאַמענטרעף אין יאָר 1981 אין ישראל. צו דעם צוועק איז אַנטשטאַנען אַן אויסגעברייטערטער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט. צו הילף די אָרגאַניזאַטאָרן איז געקומען דער יידישער וועלט־קאָנגרעס מיט אַ סומע פון 350 טויזנט דאָלאַר. די בעגין רעגירונג איז אויך געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אַזאַ פאַרנעמיקן צוזאַמענ־טרעף פון לעבנגעבליבענע יידן, מיט וועמען עס האָבן געזאָלט מיטקומען זייערע קינדער און אייניקלעך קיין ישראל. די רעגירונג האָט צוגעזאָגט די פולע אונטער־שטיצונג. אין יאַנואַר 1980 איז פאָרגעקומען אין ישראל אַ וועלט־קאָנפערענץ צום אָפּמערקן דעם 35־טן יאָרטאָג פון באַפרייען אוישוויץ און אַנדערע לאַגערן. צו דער קאָנ־פערענץ זענען די דעלעגאַטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן געקומען מיט אַ פאַרטיקן פּלאַן.

די פירער פון וועלט־פאַרבאַנד אין ישראל האָבן זיך באַצויגן קריטיש צום פּלאַן פון איינאָרדענען אַ וועלט צוזאַמענטרעף אין יוני 1981. זיי האָבן נישט געגלייבט, אַז פינף טויזנט מענטשן וועט מען קאָנען ווי געהעריק אויפנעמען און איינאָרדענען אין ירושלים. דערצו איז **נאָך געשטאַנען די פראַגע פון זיכערקייט, פון באַשיצן** די טויזנטער טוריסטן פון אויסלאַנד. די ישראל רעגירונג האָט געקענט פון איר זייט פאַרזיכערן, אַז אין דער צייט פון צוזאַמענפאָר וועלן געשאַפן ווערן אַלע באַדינגונגען פאַר רו און אָרדענונג אין לאַנד.

דער וועלט פאַרבאַנד פון דער שארית הפליטה האָט געענדערט זיין מיינונג, און באַשלאָסן דורכצופירן אַן אויפנאַמע פאַר די אַלע אָפּגעראַטעוועטע פון אויסלאַנד און פון ישראל. די אויפנאַמע איז טאַקע פאָרגעקומען דעם 14־טן יוני 1981 אין ספּאָרט בנין „יד אליהו" אין תל־אביב. צו דער אויפנאַמע זענען געקומען איבער פינף טויזנט געוו. קאַצעטלער. דער פאָרזיצער פון דעם מיטינג איז געווען דער פאָרזיצער פון וועלט פאַרבאַנד, שלום גראַ־יעק, וועלכער האָט באַגריסט אין יידיש אַלע אָנטיילנע־מער ווי אויך די ספּעציעל איינגעלאַדענע געסט און פאָר־שטייער פון פאַרשידענע לענדער. אַ סענסאַציע האָט אַרויסגערופן די באַגריסונג אין יידיש פון פּרעזידענט פון תל־אביבער שטאָט־ראָט לאַהוט. סימאָנע וויל, די פאָרזיצערין פון אייראָפּעאישן פּאַרלאַמענט, אַ געוועזענע קאַצעטלערין פון אוישוויץ האָט גערעדט אין פראַנצויזיש וועגן דער געפאַר פון אַנטיסעמיטיזם אין פראַנקרייך. זי האָט גערופן די פאַרזאַמלטע צו זיין וואַך קעגן נעאָ־נאַציזם, וועלכער גייט האַנט ביי האַנט מיט אַראַבישן טע־ראָריזם. אין קינסטלערישן טייל האָט אַ פּאָליציאַישער אָרקעסטער געשפּילט יידישע און העברעאישע מעלאָדיעס, עס זענען אַרויסגעטראָטן יוגנט־כאָרן, און אַ כאָר פון גריכישע זינגער, וועלכער איז געשטאַנען אויף אַ הויכער מדריגה — זיי האָבן געזונגען לידער אין לאַדינאָ. דעם געלונגענעם מאַסן מיטינג האָט שלום גראַיעק פאַרענדיקט מיט אַ רוף צו די קינדער פון דער שארית הפליטה זיי זאָלן זיך באַזעצן אין ישראל און אַזוי אַרום שטאַרקן די מדינה.

צומאָרגנס, דעם 15־טן יוני זענען געעפנט געוואָרן די פייערונגען אין ירושלים, אין איינעם פון די גרעסטע זאַלן. די אָפיציעלע העראָפענונג איז פאָרגעקומען אין יד ושם, מיט דער באַטייליקונג פון מדינה־פּרעזידענט יצחק נבון. אַ סך צייט איז געווידמעט געוואָרן די טויזנט יוגנט־לעכע, וועלכע זענען געקומען מיט זייערע עלטערן. אַ סימ־פּאָזיום וועגן יידישער געשיכטע: „דער חורבן און דער דור פון אויפקום". אין איינעם פון די זאַלן האָבן זיך געטראָפן קאַצעטלער פון פאַרשידענע לענדער, וועלכע האָבן צוזאַמען דורכגעמאַכט די פייניקונגס־לאַגערן און שפּעטער באַ־פרייט געוואָרן.

עס איז אויך געווען אַן אויסשטעלונג פון בילדער און ביכער פון דער שואה.

דעם צווייטן טאָג האָבן די אָנטיילנעמער פון צוזאַ־מענטרעף באַזוכט עטלעכע קיבוצים, וווּ זיי זענען אויפ־גענומען געוואָרן מיט געזאַנג און טענץ. אין די קיבוצים זענען צוגעגרייט געוואָרן טישן מיט די בעסטע מאכלים און געטראַנקען. פאַר די איבער טויזנט יוגנטלעכע פון אויסלאַנד, וועלכע האָבן זיך אַזוי אַרום באַקענט מיטן לעבן און שאַפן אין די קיבוצים, איז עס געווען אַ גרויסע איבערלעבונג.

דעם דריטן טאָג איז פאָרגעקומען אַ גרויסער מיטינג, געווידמעט דער פראַגע פון אויפגעלעבטן אַנטיסעמיטיזם

קולטור־לעבן, וואָס האָט זיך אַזוי גוואַלטיק געענדערט און איבערגעאַנדערשט. דעריבער דאַרף קומען דער אויספיר, אַז בלויז די דאָזיקע יונגע מענטשן פון דעם פערטן דור, וואָס קענען זיך באַנוצן מיט צוויי שפּראַכן — יידיש און ענגליש — זענען די איינציקע קולטור־געזעלשאַפטלעכע און קולטור־פּאָליטישע טוער, וואָס קענען און וועלן משפּיע זיין און אויך געשטאַלטיקן דאָס נייע אַנדערשקייט: אַנגליזירט יידיש לעבן, אין אַ פּאָזיטיוון און יידישלעכן אָדער בעסער־געזאָגט — יידיש־ענגלישן זינען.

פּראָפעסאָר יודזשין אָרענשטיינס באַלערנדיקע און גייסטרייכע לעקציעס האָבן נאָך אַמאָל באַשטעטיקט דעם אייביקן סימבאָל און גאַנג פון יידישער עקזיסטענץ, וואָס די יידישע געשיכטע האָט אויף אונדז אַרויפגעצוווּנגען:

1) לאַנד און פאָלק — וואָס באַדייט: מדינה און צעשפּרייטקייט;

2) צוויי שפּראַכיקייט;

3) צוויי קולטורן — וואָס באַדייט: יידישע קולטור און לאַנד־קולטור.

די דאָזיקע דריי יסודות האָבן אויסגעווירקט און געשטאַלטיקט דאָס יידישע לעבן אין משך פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר, נישט קוקנדיק אויף אַלע נגישות און רציחות וואָס דאָס יידישע פאָלק איז אין משך פון דער דאָזיקער צייט־געשיכטע דורכגעגאַנגען.

✶

דער צווייטער יונגער רעפערענט, וואָס האָט באַשיינט דעם היגן יידישן ישוב צום 70־יאָריקן יובל פון דער „קדימה" איז געווען ד"ר שמואל פּיסאַר — דאָס נס־יינגעלע פון חורבן בית שלישי און אויך דער דור שלישי, לויט דער צייט־רעכענונג פון דעם פּלאַנעט אוישוויץ...

דאָס וווּנדער־קינד וואָס איז אַדורך דורך „בלוט און האָפענונג", דער איצטיקער וועלט־באַרימטער אינטערנאַציאָנאַלער עקאָנאָמיסט און יוריסט ד"ר שמואל פּיסאַר (וווינט אין פּאַריז) האָט אין זיין לעקציע — אין ענגליש — סימבאָליש געוואָרפן אַ ליכט אויף די „נייע" טונקעלע וועגן פאַר זיין יידישן דור און אויך פאַר דעם אַלוועלטלעכן דור, וואָס ווילן נישט מער געדענקען און ווילן אויך פאַרגעסן פון דעם, אַז דאָס זאָל זיך מער נישט איבערחזרן! „יידישער קיום און אַלוועלטלעכער קיום — די טעמע פון ד"ר שמואל פּיסאַרס רעפעראַט, איז געווען, אַז זיין דור פון פּלאַנעט אוישוויץ און דער דור וואָס איז אויף דעם דאָזיקן בלוטיקן פּלאַנעט נישט געווען, זאָלן געפינען דעם וועג פון נישט דערלאָזן מער קיין ראַסן־שחיטות און פעלקער־מאָרד איבער דער גאָרער וועלט בכלל און אין דער יידישער וועלט בפרט. די פאַרגאַנגענע שוידערלעכע איבערלעבונגען און די וווּנדן וואָס זענען געבליבן האָט ער געלאָזן אָנוואַקסן אויף זיי אַ קליינעם הייטל, וואָס עפנט זיך פון צייט צו צייט און ד"ר שמואל פּיסאַר דערפילט דעם ווייטיק און אומרו, וואָס זאָגט אונטער (אומבאַוווּסטזיניק), אַז אפשר קענען זיך די דאָזיקע שוידערלעכקייטן ווידער איבערחזרן. דאָס נס־יינגעלע פון ביאַליסטאָק מיט זיין „בלוט און האָפענונג" פון מאַידאַנעק און אוישוויץ — „שרייבט אויף די ווענט" זיין וואָרנדיקן אויסגעשריי: וועט די גאַנצע מענטשהייט נישט וועלן פאַרווירקלעכן די וויזיע פון דעם גרויסן נביא ישעיהו, „וגר זאב עם כבש", דאַן שטייען מיר פאַר אַ געפאַר, אַז דער קאַטאַקליזם וועט זיך יאָ איבערחזרן; דאַן איז עס די געפאַר פון אַ וועלט־פאַרניכטונג סיי דורך דער אַטאָם־באָמבע און סיי דורך קאָמפּיוטיזירטע גאַז־אויוונס!

ד"ר שמואל פּיסאַר האָט דורך זיין בוך און אין זיין רעדע באַוויזן ווי אַזוי עס האָט סימבאָליש זיך אויסגעווירקט אויף זיין יידישן לעבנס־גאַנג דער גייסטיקער איינפלוס פון זיינע וועג־ווייזער און דערציער, וועלכע האָבן געצויגן זייער יניקה פון דעם פּויליש־ליטווישן יידנטום מיט זייערע עטישע און מאָראַלישע ווערטן. זיין פעטער נחמן סוכאָוואָלסקי ע"ה, דער געוועזענער ערן־סעקרעטאַר פון „קדימה", האָט זיך געהאַט זיין צוגאַנג צו יידישע געזעלשאַפטלעכע און צו יידישע קולטור־אַקטיוויטעטן מיטן גייסט פון אָפּפרעגן די אַזוי גערופענע אָנגענומענע אמתן; געהאַט מאָראַלישן קוראַזש און מוט זיך צו קענען אָפּטיילן פון דער מערהייט. ד"ר שמואל פּיסאַר, הגם ער האָט נישט די זעלבסט־זיכערקייט פון מאַכן באַגרינדעטע אויספירונגען וועגן „וועלט קיום און יידישער קיום" אויף דער נאָענטסטער צוקונפט, פּרובירט ער אָבער צו באַגרינדן זיין פעטערס צוגאַנג צום יידישן און אַלגעמיינעם לעבן, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין „אונטערשטער שורה".

„יעדער דור וועט אַליין דאַרפן אויסשמידן זיין צוקונפט"; „יעדער דור — יידישער און נישט־יידישער — וועט דאַרפן נעמען זייער גורל אין די אייגענע הענט" און הגם מאַטעריאַליזם, באַנקראָט פון אידעאַליזם וואָס הערשט ביים היינטיקן טאָג אין דער פרייער און טאָטאַליטאַרער וועלט, איז טאַקע אַ שלעכטער פּראָגנאָז פאַר דער גאַנצער מענטשהייט און פאַרן יידישן פאָלק אַוודאי, גלויבט דאָך דאָס וווּנדער־קינד — ד"ר שמואל פּיסאַר, אַז

**Humanity With All Its Tears**
**Is Stil The Hope Of Future Years**

✶

דער סך־הכל: די צוויי יונגע יידישע סימבאָלן אין די פּערזאָנען פון פּראָפעסאָר יודזשין אָרענשטיין און ד"ר שמואל פּיסאַר, וועלכע האָבן באַשיינט דעם יובל־יאָר פון דער 70־יאָריקער נאַציאָנאַלער קולטור־אָרגאַניזאַציע אין מעלבורן, „קדימה", האָבן, מעגלעך בלויז סימבאָליש אונדז אויפגעוויזן, אַז הגם מיר קענען נישט ווייטער קאָנטינויִרן דעם נוסח פון דעם אַמאָליקן יידישן גייסטיקן נוסח, איז אָבער דאָ אַ האָפענונג, אַז דער פערטער דור וועט זיך אומקערן צו זיין יידישער געשיכטע און באַנייען דעם גלאַנץ פון דער „גאָלדענער קייט" פון דעם אַמאָליקן מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום.

# צוויי סימבאָלן

י. אַרבאַך

צו דעם 70־יאָריקן יובל פון דער יידישער קולטור־קרוין אין אויסטראַליע — די יידישע נאַציאָנאַלע קולטור־אָרגאַניזאַציע „קדימה" אין מעלבורן, האָבן בײדע יידישע ישובים — מעלבורן און סידנעי — געהאַט דעם פאַרגעניגן צו הערן צוויי יונגע יידישע מענטשן — אין יידיש און אין ענגליש — וועלכע האָבן אין זייערע עפּנטלעכע אַרויסטריטן סימבאָליזירט אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן, דעם גייסטיקן איינפלוס פון פויליש־ליטווישן יידנטום, וואָס האָט טאַקע דערמעגלעכט די עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג אין משך פון 70 יאָר אַ יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע אויף אַזאַ ווייטן אָפּגערוקטן קאָנטינענט — אויסטראַליע.

דער ערשטער יונגער קולטור־שליח פּראָפעסאָר יודזשין אָרענשטיין, וועלכן די „קדימה" האָט אַראָפּגעבראַכט פון קאַנאַדע און וועלכער האָט געגעבן 14 לעקציעס (11 אין יידיש און אין ענגליש) איז לויט אונדזער צוגאַנג אַ יונגער־מאַן פון דעם פערטן דור. דאָס מיינט: דער דאָזיקער יונגער דור, וועלכער איז נישט ווייט אָפּגערוקט פון מזרח־אייראָפּעאישן יידישן וועלט־באַנעם, און דאָך ווייסן מיר נישט וואָס פאַראַ טענדענצן ווירקן זיך אויס אין זייער יידיש־שפּראַך און קולטור־באַנעם. וואָס מיר ווייסן יאָ, איז: אַז זיי פאַרמאָגן ווייניקער וויטאַליטעט בכדי צו קאָנטינואירן און אויפצוהאַלטן די אַלטע און „יונגע" יידישע קולטור־אוצרות און אויך גאָר ווייניק כח אויפצוהאַלטן די יידישע שפּראַך און איר קולטור.

און... עס איז באמת געווען — איך וואָלט געזאָגט — אַ יידישע קולטור־סענסאַציע — מיט די אַרויסטריטן פון דעם יונגן יידישן פּרעלעגענט, וועלכער האָט באַשטעטיקט די טעזע, אַז אונדזערע אייניקלעך — דער פערטער דור — ווילן יאָ געדענקען און ווילן קאָנטינואירן דאָס, וואָס אַ גרויסער טייל פון דעם חורבן דור — מיר בכבודם ועצמם — ווילן פאַרגעסן און ממילא פאַרלירן מיר דעם כוח דאָס אויפצוהאַלטן...

פּראָפעסאָר יודזשין אָרענשטיין האָט אין זיינע גייסט־רייכע רעפעראַטן, אין אַ פּרעכטיקן יידיש צוגעפּעפערט און צוגעזאַלצן מיט די העברעאישע, פּוילישע און רוסישע אידיאָמען, וואָס האָבן זיך אַזוי גוט אַריינגעפּאַסט אין דער יידישער פאָלקס־שפּראַך מיט אַ געפיל פון שטאָלצקייט אונטערגעשטראָכן און אויך באַגרינדעט די גרויסקייט פון די לעצטע דורות, וואָס האָבן געפּוצט און פאַרשענערט די „גאָלדענע קייט" פון דער טויזנט־יאָריקער יידיש־העברעישער קולטור־טראַדיציע, וועלכע איז אַזוי טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן. דער אויספיר פון דער באַגרינדונג איז געווען: אַז פּונקט אַזוי ווי אונדזערע און זיינע־עלטער און עלטער־עלטער זיידעס האָבן נישט געזען קיין שום פּסול אָדער חטא צווישן צוויי קולטורן — דער יידישער קולטור און דער אַלוועלטלעכער קולטור — אין דער יידישער באַנעמונג און אויפפאַסונג, אַזוי אויך דאַרף צום היינטיקן טאָג אָנערקענט ווערן, אַז יידיש און יידישע קולטור קענען גיין האַנט ביי האַנט מיט דער לאַנד און אַלוועלטלעכער קולטור, וואָס קען רעאַליזירט ווערן אין אַ נייעם יידישן קולטור־רענעסאַנס, ווייל: „דאָס יידישע פאָלק קערט זיך אום צו זיין געשיכטע". קען דער דאָזיקער צוריקגאַנג דעריבער אַרויסברענגען פון דעם אַלטן יידישן קולטור־בוים אַ זאַפטיקע פּרי, וואָס מיר און דער דור, וואָס דאַרף קומען נאָך אונדז, וועט אָנרופן די דאָזיקע גוטע פּרי יידיש־ענגלישע יידישקייט!!! די דאָזיקע שיינע פּרי וועט און דאַרף פאַרשטאַרקן די אָנגעהעריקייט פון פערטן דור צו כלל־יידישקייט און אויך קאָן דאָס באַווירקן דעם המשך און אוודאי און אַוודאי דעם קיום פון די יידישע ישובים אין די תפוצות.

די לעקציעס פון דעם יונגן קולטור־לעקטאָר האָבן אונדז דייטלעך געגעבן אָנצוגעהערן, אַז אונדזערע אַרבעטן אַרום קולטור־אָרגאַניזאַציעס ווי עס איז די „קדימה" אין אויסטראַליע און אַנדערש־וווּ, זענען זייער שוואַך צו באַהויכן אָדער באַווירקן דעם גייסטיקן מצב פון דעם אַלגעמיינעם יידישן לעבן און ספּעציעל דעם דאָזיקן יידישן

קיש, ש. האַלקין, איציק פעפער, לייב קוויטקאָ, ש. פּערסאָוו און אַנדערע און אַנדערע.

## וואָס אַן עדות האָט דערציילט

דעם 19־טן נאָוועמבער 1949 האָט זיך אויף אַ זייטיקער ליניע פון אַ מאָסקווער וואָקזאַל אָפּגעשפּילט אַזאַ טראַגישע סצענע: אַ גרופּע גרויסע יידישע שרייבער זענען געטריבן געוואָרן צו דעפּאָרטאַציע־וואַגאָנעס — וואַגאָנעס פאַר בהמות, קליינע פענצטערלעך מיט קראַטעס. צווישן די שרייבער זענען געווען פּרץ מאַרקיש, איציק פעפער, שמואל האַלקין א״א. דעם אַלטן ראש פון דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד, דוד בערגעלסאָן, האָט מען אַ קראַנקן אַריינגעטראָגן אין וואַגאָן.

מיט טרערן אין די אויגן האָבן פיר פרויען צוגעזען די סצענע. זיי זענען געשטאַנען אַזוי, אַז זיי האָבן געקאָנט זען די אַרעסטירטע, אָבער יענע האָבן זיי נישט געזען. דאָס זענען געווען די פרויען פון דוד בערגעלסאָן, פּרץ מאַר־קיש און איציק פעפער, און מיט זיי — זייערע אַ נאָנטע פריינדין, די פרוי פון אַן אָנגעזעענעם סאָוועטישן דיפּלאָמאַט. זי האָט עס אויסגעפּועלט פאַר די דריי פרויען דעם גרויסן חסד: די מעגלעכקייט צו זען זייערע מענער פון דער ווייטן און צום לעצטן מאָל.

די דעפּאָרטאַציע פון די שרייבער איז פאָרגעקומען 5 וואָכן נאָך זייער אַרעסט. די פינף וואָכן האָט מען זיי געהאַלטן אין דער באַרימטער מאָסקווער לוביאַנקע־טורמע. דוד בערגעלסאָן איז דאָרטן שווער קראַנק געוואָרן און איז די גאַנצע צייט געלעגן אין טורמע־שפּיטאָל. פון דאָרטן האָט מען אים אַרויסגעטראָגן אויף דעפּאָרטאַציע.

געמאַכט מיט די פאַרגאַנגענע פאַרברעכנס, און מיט אַנדערע אַקטן פון טעראָר און שווידער, וואָס קומען פאָר יעדן טאָג.

אונדזער חוב ווי ייִדן, ווי הומאַניסטן איז צו דערמאָנען די אָפּגעטוהענע פאַרברעכנס אין נאָמען פון אַן אידעאַל — אויב אַפילו בלויז פאַר די פאָר צענדליק יידישע פאַנאַטיקער וואָס דרייען זיך אַרום צווישן אונדז, און צוליבן טרוים וועגן דער מענטשהייט זענען זיי גרייט אומצוברענגען דעם מענטשן גופא.

דער נאָכוויי פון די אַנטי־יידישע פאַרברעכנס, קלינגט נאָך היינט ווי אַן עכאָ איבערן סאָוויעטן־פאַרבאַנד און עס ציטערן נאָך יידישע לעבנס, יידישע האָפענונגען, און ס׳קלאַפּן יידישע הערצער פון מורא, וואָס מאָרגן קאָן מיט זיי געשען. יידיש לעבן איז היינט — ווי דעמאָלט — ערב 1952, אויף דער וואָג־שאָל.

אונדזער חוב, ווי יידישע קולטור־מענטשן איז צו דערמאָנען כאָטש די נעמען פון די, וועלכע זענען געפאַלן אונטער דער באָלשעוויסטישער האַק — דעם זעלבן באָלשעוויזם און דער זעלבער האַק — וואָס זיי האָבן אַזוי אויפריכטיק געדינט.

## רשימה פון ליקווידאַציע־אַקטן אין דער צייט פון 1930 ביז סטאַלינס טויט

1930 — עס ווערט ליקווידירט דער „טיש פאַר יידישע ענינים". די יעווסעקציע ווערט געשלאָסן. אמת, די יעווסעקציע איז געווען אַן אויסגעשפּראָכן קאָמוניסטישע אינסטיטוציע; זי איז געשטאַנען אין דינסט פון קאָמוניסטישן רעזשים, זי איז געווען פאַרהאַסט ביי די יידן אין דער וועלט — אָבער נישט דערפאַר איז זי געשלאָסן געוואָרן. זי איז געשלאָסן געוואָרן דערפאַר, ווייל זי איז דאָך געווען אַ שאָטן פון אַ כלומרשט יידישער אינסטיטוציע — דאָס איז געווען דער ערשטער סיגנאַל פון אַן אָנקומענדיקער כוואַליע פון ליקווידאַציעס צווישן יידן.

1936 — עס טראָגט זיך אַן אַלגעמיינע כוואַליע פון אַרעסטן איבער סאָוויעט־רוסלאַנד. דעמאָלט ווערן אַרעסטירט יידישע שרייבער און קולטור־טוער, צווישן זיי — איזי כאַריק, ליעוו, זיסקין, דונעץ, בראָנשטיין. זיי האָבן אָבער נישט געהאַט קיין שייכות מיט דער דעמאָלטדיקער ליקווידאַציע פון די אַזוי־גערופענע אַנטי־סטאַליניסטן. אָט די ליקווידאַציע איז געווען אַ ריין יידישע.

1937 — עס הייבט זיך אָן די שליסונג פון די יידישע שולן, מיטלשולן, הויכשולן. יידישע לערער ווערן אַרעסטירט פאַר „יידיש־נאַציאָנאַלער אָפּנייגונג". עס ווערן געשלאָסן די ביז דעמאָלט עקזיסטירנדיקע יידישע געריכטן, די יידישע מיליץ־קרייזן. צווישן די אַרעסטירטע געפינען זיך יידישע פּאָעטן, עסייאיסטן, היסטאָריקער: משה ליטוואַקאָוו, אסתר פרומקין, משה קולבאַק, מאַקס ערִיק, ירחמיאל וויינשטיין, משה ראַפעס, פּראָפעסאָר סאָסיס, בוכבינדער, פרידלאַנד און צענדליקער אַנדערע.

1938 — עס ווערן ליקווידירט די יידישע קאָלווירטן. עס ווערן אַרעסטירט די יידישע אָנפירער פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט ביראָבידזשאַן. עס ווערן דורכגעפירט אַרעסטן מיטן אויסרייד פון „ציוניסטישער אָנגעהעריקייט" און „„נאַכלעסיקער באַציאונג צו דער בויאונג". עס ווערן פאַרשיקט און שפּעטער דערשאָסן: פּראָפעסאָר ליבערבערג, כאַווקין, העלער און פיל אַנדערע. צווישן די אַרעסטירטע יידן אין 1938 געפינען זיך אויך דער יידישער פּאָליטישער קאָמיסאַר דימענטשטיין, דער ליטעראַטור־היסטאָריקער ישראל צינבערג, עס ווערט געשלאָסן דער מאָסקווער „עמעס".

1939 — אָנהויב צווייטע וועלט־מלחמה. מערב־ווייסרוסלאַנד און מערב־אוקראַינע פאַלן אַריין צו די סאָוויעטן. מען אַרעסטירט הונדערטער יידישע שרייבער, טוער און לערער. צווישן די אַרעסטירטע און פאַרשיקטע און שפּעטער אומגעבראַכטע געפינען זיך: הענריק ערליך, וויקטאָר אַלטער. זלמן רייזען, אַננאַ ראָזענטאַל, אַדוואָקאַט י. טשערניכאָוו און אַנדערע.

1941 — דעם 22־טן יוני באַפאַלט היטלער־דייטשלאַנד דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד. אין די תפיסות און לאַגערן ווערן דערשאָסן די פּאָליטישע אַרעסטירטע. דעמאָלט ווערן אויך דערשאָסן זלמן רייזען, אַדוואָקאַט י. טשערניכאָוו, ז. אַקסעלראַד און פיל אַנדערע

1949 — עס ווערן געשלאָסן די יידישע מלוכה־טעאַטערס אין מאָסקווע, מינסק, טשערנאָוויץ, ביראָבידזשאַן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע אַקציע קעגן יידן, וואָס שרייבן רוסיש, ווייס־רוסיש,אוקראַיניש און אין אַנדערע שפּראַכן. צענדליקער שרייבער ווערן אַרעסטירט אַלס „קאָסמאָפּאָליטן און פּאַספּאָרטלאָזע בראָדיאַגעס".

1952 — ידיעות, וואָס זענען אָנגעקומען אין 1956, שטעלן פעסט, אַז אין יאָר 1952 זענען דערשאָסן געוואָרן 30 יידישע שרייבער אין פאַרשידענע תפיסות.

1953 — עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן די האַק פון ליקווידאַציע איבער די יידישע שרייבער. עס איז געטריבן געוואָרן אַן אַנטיסעמיטישע כוואַליע, די אַנטי־קאָסמאָפּאָליטן־אַקציע, די באַזייטיקונג פון יידן פון אַלע מער אָדער ווייניקער וויכטיקע מלוכה־אַמטן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די דאָקטוירים־פּראָצעסן, עס ווערן אַרעסטירט די באַקאַנטע אין סאָוויעט־רוסלאַנד יידישע דאָקטוירים וואָווסי, עטינגער, גרינשטיין, קאַגאַן און אַנדערע. זיי ווערן באַשולדיקט אין פאַרסמען די סאָוויעטישע פירער זשוקאָוו, טשערבאַקאָוו און אין פּלאַנעווען צו דערמאָרדן מאַרשאַל קאָניעוו, גאָוואָראָוו, לעוווטשענקאָ און אַנדערע. די ערשטע אַרעסטירט צו ווערן זענען געווען די יידישע שרייבער מיט די העכסטע סאָוויעטישע אויסצייכענונגען, ווי דוד בערגעלסאָן, פרץ מאַר־

# 12־טער אויגוסט 1952

מאַרק ב.

צוזאַמען מיטן טראַגישן טויט פון די יידישע שרייבער און קינסטלער אין סאָוויעטן־רוסלאַנד, איז אויך דער־מאָרדעט געוואָרן דער טרוים פון יידישן פּראָלעטאַריער אין גלייכבאַרעכטיקונג און פעלקער פריינדשאַפט, וואָס אַן אַרבעטער־מלוכה פאַרזיכערט.

צוליב דעם טרוים האָבן אַ סך פון די שרייבער פאַר־זען די ווירקלעכקייט; צוליב דעם זעלבן טרוים האָבן אַ סך פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טוער אין מערב פאַרקוקט די ווירקלעכקייט.

דער שאָס אין די יידישע שרייבער, איז געווען די לעצטע קויל וואָס האָט אַוועקגענומען דעם גלויבן אין אַן אידעאַל פון אַ נאַציאָנאַלער קולטור מיט אַ סאָציאַליסטישן אינהאַלט.

פאַרפירערישע גלויבנס, פּראָדוצירן פאַלשע טרוימען, און דער רעזולטאַט איז — טיפע אַנטוישונג.

טויזנטער יידישע מענטשן אין דער וועלט האָבן זיך דערפילט ווי אָפּגעשמיסן, נאָך דער קאָנפראָנטאַציע מיט די נאַקעטע, ברוטאַלע פאַקטן, אַז יידישע שרייבער און קינסטלער, אָרדן־טרעגער און פאַרדינסטפולע אַרטיסטן, איבערגעגעבענע סאָוויעטישע מענטשן און פאַרטיי־לייט האָבן פאַרלוירן זייערע לעבנס, צוליב איין און אייציקער סיבה, דער פאַקט, אַז זיי זענען לויטן געבורט — יידן.

נאָכן צוזאַמענברוך פון נאַציזם זענען פאָרגעקומען משפּטים איבער די פאַרברעכער (ווייט נישט איבער אַלע . . .).

נאָך כרושטשאָווס אַנטפּלעקונגען פון סטאַלינס אכזריות — האָט מען אין סאָוויעטן־רוסלאַנד קיינעם נישט גע־משפּט פאַר פאַרברעכנס באַגאַנגענע איבער סאָוויעטישע בירגער, מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. מען האָט די קרבנות (וואָס זענען צופעליק געבליבן לעבן) אָדער זייערע משפחות באַוויליקט „רעהאַביליטאַציע" פּאַ־פּירלעך, אָן צו באַשטראָפן די דירעקטע שולדיקע אין די אומדערהערטע, אויסגעטראַכטע פאַרברעכנס.

אויף דעם אָרט קאָן מען זאָגן דאָס אַלטע יידישע ווערטל: „גיי מאָן ביי אַ קאָזאַק יושר".

די וועלט האָט זיך שוין צוגעוווינט, און אַפילו שלום

די סאָציאַליסטישע אידעאַלן און פּראַקטיק געקומען פון אונטן; פון די — וועלכע האָבן פרייוויליק זיך פאַרפליכ־טעט צו לעבן און בויען אַ מדינה לויט די פּרינציפּן. די קיבוצים שטעלן מיט זיך פאָר אַ געגנוג איבערצייגנדיקן ביישפּיל פאַר דעם, אַז פרייוויליקער סאָציאַליזם „אַרבעט ראַציאָנעל". מען קאָן זיך אויסלעבן אין זיינע ראַמען. שפּעטער איז געקומען די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, די „הסתדרות" און איינגעבערענגט סאָציאַלע פאַרזיכערונג; פרייע מעדיצין; דורכגעפירט געזעצן וואָס פאַרזיכערן דאָס רעכט פון אַרבעטער; סטאַביליזירט לוינען; אַלץ פאַרן ווויל פון אַרבעטנדיקע מאַסן.

29 יאָר איז ביי דער מאַכט אין ישראל געשטאַנען אַן אַרבעטער־רעגירונג, אויסגעווילט אויף די ברייטסטע דעמאָקראַטישסטע יסודות. און ווי עס פירט זיך געוויינט־לעך ביי אַרבעטער־רעגירונגען, האָבן קיין שטרייקן נישט געפעלט. עס זענען תמיד דאָ אומצופרידענע, באַעוולטע פון די, אָדער יענע פּראָפעסיעס. עס האָט אָבער אויסגעזען, אַז די באַפעלקערונג איז געגנוג באַוווּסטזיניק, אַז זי האָט אויסגעקליבן דעם וועג פון אַן אָרדנונג, ווו אַלע זאָלן קאָנען געניסן פון דעם הויכן לעבנס־סטאַנדאַרט; אַלע זאָלן געניסן פון ווילשטאַנד פון לאַנד, אפילו ווען די דעמאָ־קראַטישע אָרדנונג האָט פאַרזיכערט דעם פאַרמעגלעכן קלאַס די מעגלעכקייט צו לעבן מיט אַ שטאַפּל העכער.

נאָך 29 יאָר, האָבן די ווילער אַראָפּגעזעצט די אַרבע־טער־רעגירונג און אויסגעקליבן אַ רעכטע, בירגערלעכע רעגירונג. מען האָט עס אויסגעטייטשט ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער אַרבעטער־רעגירונג און איר ביוראָקראַטיע, וואָס האָט זיך שוין איינגעגעסן אין די ביינער צוליב זייער זעלבסט־זיכערקייט, אַז קיינער קאָן זיי פון בענקל נישט אַ ריר טאָן.

און אָט:

נאָך 4 יאָר רעגירן; נאָך אַלע שטרייטן אין דער רעגי־רונג איבער עקאָנאָמישע און מיליטערישע זיכערהייטס־פּראָבלעמען; נאָכן דערגרייכן אַ 150־פּראָצענטיקע אינ־פלאַציע און טוישן דריי פינאַנס־מיניסטאָרן; נאָכן פאַרלירן צוויי פּרעסטיזשפולע און איינפלוסרייכע מיניסטאָרן ווי דיין (אויסערן־מיניסטער) און ווייצמאַן (פאַרטיידיקונגס־מיניס־טער); נאָכן אַראָפּנעמען די אימוניטעט פון מיניסטער פאַר רעליגיעזע ענינים און שטעלן אים פאַר אַ געריכט (אַפילו ווען מען האָט אים שפּעטער באַפרייט פון די באַשולדיקונ־גען); נאָך די אַלע סקאַנדאַלן האָט עס אויסגעזען מער ווי וואַרשיינלעך, אַז די בעגין־רעגירונג וועט זיך צעפאַלן פון זיך אַליין, און אַז דער אָפּאָזיציע וועט בלייבן בלויז צו־זאַמענצוקלייבן די צעפאַלענע שערבלעך . . .

געשען איז אָבער דאָס אומדערוואַרטע: די שוואַכע, צע־פאָרענע, צעקראָכענע, עקאָנאָמיש אומסטאַבילע רעגירונג איז ווידער אויסגעווילט געוואָרן — אַפילו באַקומען מיט איין דעפּוטאַט מער, ווי די אַרבעטער־פאַראייניקונג (מערך).

נאַטירלעך — די „עקספּערטן" שלאָפן נישט. דער פּילפּול וועגן דעם: פאַרוואָס און ווי אַזוי — גייט ווייטער אָן.

נישט געקוקט צו וועלכע אויספירן די א"ג זאָכקענער וועלן קומען, און וועלכע רעצעפּטן זיי וועלן פאַרשרייבן אויף להבא, וועלן דאָך אַלע פאַרטייען זיין געצוווּנגען צו פאַרטראַכטן זיך: : ווער געווינט (אָדער פאַרשפּילט) וואַלן — מענטשן אָדער אידייען ?

שלום זינגער

# נאָכן וואַל־יאַריד

**(אַ בריוו פון ישראל)**

**מיטן מאָמענט, ווען די ישראל־רעגירונג האָט פּראָקלאַמירט די דאַטע פון די פאַרשטייענדיקע וואַלן צו דער כנסת, איז די געשעעניש: וואַלן אין ישראל, אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין צענטער פון דער וועלט־פּרעסע. אָפטמאָל האָט זיך געדוכט, אַז די זשורנאַליסטן, פּאָליטישע קאָמענטאַטאָרן און מיטל־מזרח עקספּערטן צוזאַמען מיט זייערע רעדאַקטאָרן האָבן פאַרלוירן יעדע פּראָפּאָרץ; ס'האָט זיך געדוכט, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן אַ קליין לענדל אין מיטעלן מזרח, און איר פּרעמיער בעגין וואָס וועט איינהאַלטן אָדער פאַרלירן די מאַכט, אָדער צי האָט דער פירער פון דער אָפּאָזיציע פּערעס פּערספּעקטיוון פון דעראָבערן די מאַכט — נאָר דאָ ווערט געוויילט דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן — דער מענטש וואָס וועט זיין דער פירער פון די מערב־מלוכות און וועט געבן דעם טאָן אין דער וועלט־פּאָליטיק; ער איז עס די וואָג־שאָל צווישן מלחמה און שלום.**

**נישט נאָר מיר, די לייענער פון די צייטונגען האָבן אַזוי געפילט, נאָר אויך די, וואָס האָבן די קאָמענטאַרן געשריבן. זיי האָבן די דיספּראָפּאָרץ פאַרענטפערט מיט דעם, אַז פון דער אויסגעוויילטער פערזאָן פון קומענדיקן פּרעמיער פון ישראל — איז אָפּהענגיק דער שלום אין מיטעלן מזרח.**

**די צרה מיט די אַלע „קרעמלינאָלאָגן" אין מיטל־מזרח'דיקע „זאַכקענער" איז, וואָס זיי זענען אינטעלעקטואַלן, דערצויגן אין דער מערב־קולטור, מיט מערבדיקע פּרינציפּן פון דענקען און לאָגיק פון דער מערב־שול, אויפן סמך פון וועלכע זיי מאַכן זייערע אויספירן. דערפאַר טאָקע קאָנען זיי נישט באַנעמען די פירונג פון די רוסן, און צוליב דער זעלבער סיבה האָט זיי זייער ראַציאָנעל טראַכטן פאַרפירט אין אַ קאַפּוירער ריכטונג. דאָס, וואָס עס לייגט „זיך אויפן שכל" האַלט זעלטן אויס די לאָגיק פון מענטשן, אויפגעוואָקסן מיט אַן אַנדער מענטאַליטעט און אַנדער לאָגישער באַלאַנסירונג.**

**אַנאַליזירנדיק די אָפּשטימונג צו דער כנסת, לויט מאַטעמאַטישע כללים, קאָן איך קומען צום אויספיר, אַז דאָס לאַנד איז צעטיילט אין צוויי גלייכע לאַגערן (כמעט 48 מאַנדאַטן קעגן 47. אַזאַ פאַרשטעלונג וועט אָבער נישט שטימען מיט דערווירקלעכקייט, ווייל נישט אַלע וואָס האָבן געשטימט פאַרן „ליכוד" זענען אולטראַ רעכט, פּונקט ווי נישט אַלע וועלכע האָבן געשטיצט דעם „מערך" זענען סאָציאַליסטן אָדער אפילו דעמאָקראַטן.**

**דער רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג רעגט אָבער אָן צו טראַכטן אין גאָר אַן אַנדער ריכטונג, און עס שטעלט זיך אַ מאָדנע פראַגע: ווו הינקען אונטער די סאָציאַליסטישע אידייען?**

**פּראָבירן מיר אין אַ דיסקוסיע אָנוויזן, אַז די הויפּט־סיבה פון דורכפאַל פון סאָציאַליסטישע אידייען — איז דער סאָוויעטישער עקספּערימענט. זאָגט מען אונדז, אַז דאָרטן איז דער סאָציאַליזם אַן אויפגעצוווּנגענער פון אויבן; אַז ער איז אַ פאַרקרימטער באַגריף, וואָס איז בלויז סאָציאַליזם אין נאָמען — און נאָך אַזעלכע ענלעכע אַרגומענטן, וואָס זענען בדרך כלל ריכטיקע.**

**אין ארץ ישראל, און שפּעטער מדינת ישראל — זענען**

---

רעאַל־פּאָליטיק זיך צוזאַמען מיט יידישער מאָראַל און געוויסן.

די פראַגע פון אויטאָנאָמיע פאַר די אַראַבער אין יהודה און שומרון איז געבליבן דער איינציקער שטיך־פּונקט פאַר ישראלס מעגלעכקייטן פון פאַרהאַנדלען וועגן שלום מיט די אַראַבישע שכנים (עגיפּטן איצט — סיריע און ירדן אין דער צוקונפט).

עגיפּטן ווייס: יאָ אויטאָנאָמיע — נישט אויטאָנאָמיע — גאָר בקרוב וועט זי צוריקבאַקומען פון ישראל אַלע אירע פאַרנומענע טעריטאָריעס אָן איין שאָס פּולווער. אַלס צולאָג וועט די באַקומען מאָדערנע וועגן און ישובים, וואָס ישראל האָט אין צווישן צייט געבויט, פּונקט ווי זי וועט באַקומען צוויי ערשטקלאַסיקע מיליטערישע עראָדראָמען פאַרזען מיט די מאָדערנסטע איינריכטונגען, אַ זאַך פון וועלכער עגיפּטן האָט נישט געקאָנט חלומען. זאַכקענער האַלטן, אַז עגיפּטן האָט אַפילו נישט גענוג אויסגעשולטן פּערסאָנאַל די פּלי־פּלעצער צו באַדינען.

ישראלס פּאָזיציע זעען קלאָר די אַמעריקאַנער סיי סאָדאַט. באַשטימט די ישראל־רעגירונג — און די סאָוויעטן.

אויסנוצנדיק דעם פאַקט, אַז ישראלס נאָכגיביקייט איז נישט צו דערוואַרטן, דרינגען זיי וואָס אַמאָל טיפער אַריין אין מיטעלן מזרח — אונטערן פּרעטעקס פון שטיצן די אַראַבער אין זייער קאַמף.

מען שטעלט אָפּט די פראַגע:

קאָן זיך ישראל דערלויבן דעם לוקסוס צו זיין איינגעשפּאַרט? קאָן זיך ישראל דערלויבן צוליב דעם פאַרלירן מער און מער פריינד אין דער וועלט?

און צוריקגעשמועסט:

ווו איז די זיכערקייט, אַז די באַציאונג צו ישראל וועט זיך ענדערן, נאָכן נאָכגעבן די אַראַבישע פאָדערונגען?

דער גורל פון דער וועלט (און ישראל איז בלויז אַ קליין שרייפל אין וועלט־מעכאַניזם) איז אָפּהענגיק אין דעם צי האָט אַמעריקע זיך נישט אויפגעוועקט אַביסל צו שפּעט, צי וועט זי קאָנען איינהאַלטן דעם סאָוויעטישן אָקטאָפּוס מיט פּראָפילאַקטישע מיטלען, אָדער וועט עס מוזן קומען צו אַ מיליטערישן פאַרמעסט.

מ. א.

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פון רעדאַקציע : "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia.

אויגוסט־סעפּטעמבער 1981 | נומער 4 (28) | מעלבורן־אויסטראַליע

# ישראל — און די וועלט־פּאָליטיק

אין משך פון די פיר יאָר, זינט דזשימי קאַרטער איז געווען פּרעזידענט פון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, איז דער סאָוויעטישער אָקטאָפּוס, מיט אַ גוואַלדיקער רירעוודיקייט — אַליין, און מיט זיינע משרתים (קובאַנער, מזרח־ דייטשן) אַריינגעדרונגען אין דרום־אַמעריקע, אַפריקע און מיטעלן מזרח. קאַרטער, און קיסינגער פאַר אים (בײדע צוליב אַנדערע סיבות) האָבן מיט נאַיוויטעט אַראָפּגעשלונגען די סאָוויעטישע פרומע צוזאָגן פון אָפּהיטן מענטשן־רעכט, באַגרענעצן די באַוואָפענונג, רעספּעקטירן די סוווערעניטעט פון אַנדערע לענדער און פאַרשטייט זיך, דעם דראַנג פאַר שלום, צום וווּיל פון דער מענטשהייט.

די רעיגען־אַדמיניסטראַציע, נאָכן איבערנעמען די ירושה — האָט פאַר זיך דערזען אַ בילד, פון וועלכן עס איז זי געוואָרן ביז גאָר קאַלאַמוטנע אויף דער נשמה. זי האָבן דערזען, ווי אַמעריקע איז כמעט אַרומגערינגלט אויף אַלע קאָנטינענטן. די אַמעריקאַנער אינטערעסן און איינפלוס ספערן ווערן פּערמאַנענט און אינטענסיוו אונטערגעגראָבן; דער אַמעריקאַנער פּרעסטיזש, אַראָפּגעריסן, אין וועלכן דרום־אַמעריקאַנער, אַפריקאַנער אָדער מיטל־מזרחדיק לאַנד זי זאָלן נישט ווענדן זייער אויפמערקזאַמקייט, האָבן זי אַפילו נישט ווי אַ פּוס אַראָפּצושטעלן, אַז אַרויסרופן קעגן זיך דעם צאָרן פון דער אייגענער, ווי פון דער איינגעבוירענער באַפעלקערונג.

די חוצפה איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דאָס דיקטאַטאָרל פון ליביע האָט זיך פאַרמאָסטן מיט אַמעריקע. אַפילו נאָכן פאַרלוסט פון צוויי עראָפּלאַנען (נישט זיינע, — סאָוויעטישע). ס׳איז אָבער כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט גופא. ערשט ווען די עראָפּלאַנען זענען אַריינגעפאַלן אין ים, איז געוואָרן קלאָר, אַז דאָס איז נישט מער דאָס אַמעריקע פון דזשימי קאַרטער, און דאָס אויסגעשמירטע אַמעריקאַנער פּנים אין איראַן.

דער פאַל ליביע דערמאָנט די אַמאָליקע קעניגלעכע הויפן, וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן אַ שמייס־ייִנגל, אַז דער פּרינץ האָט זיך פאַרזינדיקט, האָט מען דאָס ייִנגל אָפּגעשמיסן. קאַדאַפי האָט אין דעם פאַל געשפּילט די ראָל פון אַ שמייס־ייִנגל. די לעקציע דערפון האָבן געלערנט די סאָוויעטן.

ביי אַלע סימפּאַטיעס וואָס אַמעריקע האָט פאַר די אַראַבישע לענדער — צוליב זייער אויל, צוליב דעם, וואָס זייערע טעריטאָריעס רינגלען אַרום די וואַסער־וועגן, דורך וועלכע עס שווימט דער לעבנס־וויכטיקער נאַפט — מוז דאָך אַמעריקע האָבן אין זינען, אַז דער איינציקער אַנשפּאַר אירער אין מיטעלן מזרח — איז ישראל.

אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט, ציען אַמעריקאַנער קאָמענטאַטאָרן די אויפמערקזאַמקייט אויף דעם פאַקט, אַז:

„רעיגען האָט געגעבן אַנצוזעהערן זיינע בעלי יועצים, אַז ער איז גענויגט צו אַקצעפּטירן בעגינס פּאַטענטירטן און אָפט איבערגעחזרטן אַרגומענט, אַז דאָס פּראָבלעם פון די פּאַלעסטינער איז א קליינלעכער. און לאָזט זיך באַגרענעצן, אַז דאָס איז נאָך איינע פון דער געשיכטעס אָפענע ווונדן, ווי די כראָנישע, אָבער לאָקאַליזירטע קריגערייען וועגן ציפּערן אָדער קורדיסטאַן, און דאָס דאַרף נישט שטעלן אין שאָטן די באַציאונגען פון אַ גרויס־מאַכט מיט איר סטראַטעגישן פּאַרטנער".

טראָץ דעם, וואַקסט דער אָנזען פון דער פ.ל.א., נישט געקוקט אויף די מערדעריען, פריער אין פראַנקרייך און לעצטנס אין עסטרייך. (אויב אַפילו זי לייקענען עס) מען באַהאַנדלט זי מיט זיידענע הענטשקעס, און מען קוקט צווישן די פינגער אויף זייער אויפפירונג: אויף זייער אַריינפאָר און אַרויספאָר. דאָס חנדלען זיך צו די אַראַבער אין נאָמען פון העכערע הומאַניטאַרע פּרינציפּן איז אין דער אמתן — די גייציקייט נאָך פּעטראָ־דאָלאַרן און ביליקן נאַפט. פאַראַנטוואָרטלעכע דיפּלאָמאַטן קומען אַרויס מיט פאָרשלאָגן, אַז אַמעריקע זאָל אָנקניפּן באַציאונגען מיט דער פ.ל.א., כדי זי זאָל קאָנען ווערן אַ פּאַרטנער אין די פאַרהאַנדלונגען וועגן דער אויטאָנאָמיע אין די פאַרנומענע געביטן.

קען זיך ישראל זעצן צום טיש מיט דער פ.ל.א.?
דאַרף זיך ישראל זעצן צום טיש מיט דער פ.ל.א.?

דאָס זענען פראַגן פון מאָראַלישן כאַראַקטער, פראַגן פון געוויסן. כאָטש דיפּלאָמאַטיע לערנט, אַז רעאַל־פּאָליטיק ווייס נישט פון קיין מאָראַל און אוודאי נישט פון געוויסן (אין דער ריכטיקייט פון דעם האָבן מיר זיך שוין צענטליקער מאָל איבערצייגט) פאַלט אָבער דאָס מאָל דווקא

**J.P.O.**
**Trimming Co.**

All kinds of Trimmings for the Clothing Trade.

**236 Balaclava Road,**
**CAULFIELD**
**Bus. Tel. 509-4970**
**A.H. 523-7153**

S. MELNIK
Director

WITH COMPLIMENTS

*The Lincoln Village*
*Banquet Rooms*

•

TRAK ARCADE
445 TOORAK ROAD, TOORAK 3142
TELEPHONE 240 8278, 240 8279

***DIANA***
***Coffee-Lounge***
*237 FLINDERS LANE,*
*CITY.*

צו דער געלעגנהייט פון דעם
**70־יאריקן יובל**
ווינטשן מיר דער „קדימה"
דערפאָלג אין איר ווייטערדיקער
טעטיקייט.

פאַמיליע ה. פליקער

*WITH COMPLIMENTS*

**VISY BOARD CO.**
**PTY. LTD.**

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאלט:

מ. א. — ישראל און די וועלט־פאָליטיק . . . . . . . . . . 1
שלום זינגער — נאָכן וואַל־יאַריד (אַ בריוו פון ישראל) . . . . . . . . 2
מאַרק ב. — 12־טער אויגוסט 1952 . . . . . . . . . . . . . 3
י. אָרבאַך — צוויי סימבאָלן . . . . . . . . . . . . . . 5
וו. יאַבלאָנסקי — דער צוזאַמענפאָר פון דער שארית הפליטה אין ישראל . 7
לוי שאַליט — מיר, די אויסדערוויילטע . . . . . . . . . . . 8

70 יאָר „קדימה"

ב. צ. פאַטקין — ז כ ר ו נ ו ת . . . . . . . . . . . . . . . 11
ש. ווין — די ערשטע 25 יאָר . . . . . . . . . . . . . 13
ב. וואַרשאַווסקי — בלעטלעך „קדימה"־געשיכטע . . . . . . . . . 15
ל. פרידמאַן — איבערברוך אין דער „קדימה" . . . . . . . . . 16
געשיכטלעכע פאַרצייכענונגען; י. בירשטיין (ליד) . . . . 17
די „קדימה" בויט איר אייגענע היים . . . . . . . . . 18
פ. קרישטאַל — פון די „קדימה"־אַרכיוון . . . . . . . . . . . 19

ה. באַכראַך — נייע וועגן און אַלטע אילוזיעס . . . . . . . . . . 22
י. מ. לעווין — מאַרק שאַגאַל — דער אוניווערסאַלער און יידישער
קינסטלער . . . . . . . . . . . 24
י. ראָזענבערג — דריי לידער . . . . . . . . . . . . . . . . 26
לאה זילבער — דריי זענען זיי געווען (דערציילונג) . . . . . . . . . 27
פייערלעכע יובל־אַקאַדעמיע . . . . . . . . . . 29
בילדער פון דער יובל־אַקאַדעמיע . . . . . . . . . 31
אויף זיכערע ברעגן; פאַרבייגייענדיק (מעם) . . . . . 33
פ. קרישטאַל — יידישע ביכער און שרייבער אין אויסטראַליע . . . . 34

פרייז 1 דאָלאַר

אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נר. 4 (28) סעפטעמבער–אָקטאָבער 1981